STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07160

OYGN REYDN

Miriam Heller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים העליר / אויגןריידן

מרים העליר

אויגן ריידן

לידער

פאַרלאַג „רמים"

תשכ"ג ניו־יאָרק 1963

MIRIAM HELLER

OYGEN REIDEN

(EYES HAVE SPOKEN)

Copyright 1963 *by*
MIRIAM HELLER
NEW YORK, N. Y.

Published by FARLAG "RAMIM"

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

מײַן טאַטן, ז״ל

וואו ביסטו?

טאַטע, וואו ביסטו,
וואו ביסטו פאַרשוואונדן?
טאַטע, איך זוך דיך —
מיין האַרץ פול מיט וואונדן.

איך זוך דיך, איך זוך דיך,
איך קען דיך ניט געפינען;
די אויגן, זיי וויינען —
די טרערן, זיי רינען.

דיין ליבע צו מיר
געווען גרויס ווי דער ים;
מיין ליבע צו דיר
איז אַן אייביקער פלאַם.

אייביק, אייביק
וועל איך דיך געדענקען;
אייביק, אייביק
וועל איך נאָך דיר בענקען.

אוריגן

אויגן

אין לך חביב בכל הגוף כעין

(ספרי, בהעלותך פ״ד)

אויגן ברוינע, שווארצע, גרויע
אויגן גרינע, הימליש-בלויע.

אויגן גרויסע, אויגן קליינע
אויגן מיאוסע, אויגן שיינע
אויגן פֿאַלשע, אויגן עכטע
אויגן לינקע, אויגן רעכטע.

אויגן בייזע, אויגן מילדע
אויגן גוטע, אויגן ווילדע
אויגן קרומע, אויגן גלייכע
אויגן שאַרפֿע, אויגן ווייכע.

אויגן שטרענגע, אויגן טרייע
אויגן מידע, אויגן פֿרייע
אויגן קלוגע, אויגן שלעכטע
אויגן צאָרנדיקע, אויגן גערעכטע.

אויגן קאַלטע, אויגן ליבע
אויגן ליכטיקע, אויגן טריבע
אויגן פֿריילעכע, אויגן האַרטע
אויגן פֿייערדיקע, אויגן צאַרטע.

אויגן לאַכן, אויגן וויינען
אויגן קוקן, אויגן לייענען
אויגן שמייכלען, אויגן שיינען
אויגן בעטלען, אויגן טענה׳ן.

אויגן פינטלען, אויגן טרערן
אויגן ריידן, אויגן שווערן
אויגן זוכן, אויגן האָפן
אויגן פרעגן, אויגן בלאָפן.

אויגן שטעכן, אויגן לעכצן
אויגן גלאָצן, אויגן קרעכצן
אויגן חלומ׳ען, אויגן גליען
אויגן גלעטן, אויגן בריען.

אויגן פלירטן, אויגן קאָקעטירן
אויגן ווינקען, אויגן פראָטעסטירן
אויגן טרייבן, אויגן פירן
אויגן קלייבן, אויגן סאָרטירן.

אויגן שעלטן, אויגן בענטשן
אויגן, אויגן — ליכט פון מענטשן...

חיות שמועסן

דער הינער־פּראָטעסט

א גרויסער רעש אין הינער־שטאַל:
א מיטינג אין דעם גרויסן זאַל.
יונג און אַלט פאַרטרעטן —
געלאַדענע און אָן בילעטן.

פון אַלע פאַרמס דעלעגאַטן
געקומען זיינען זיך בּאַראַטן;
פּראָבּלעמען שווערע אויסצוגלייכן —
קאָאָפּעראַציע, אחדות צו דערגרייכן.

געקומען זיינען זיי אין מאַסן,
הינער, העגער — אַלע ראַסן;
אויך יונגע קורטשיקעס אין קאָן,
און יעדער שטופּט זיך אויבן־אָן.

דער הויפּט־רעדנער אויף דער בימה
גיט אַ קריי מיט פעסטער שטימע:
„ברידער, שוועסטער, דעלעגאַטן,
אונדזער פאָלק איז שווער פאַרראַטן!

„ס׳ליגט אויף אונדזער האַלדז אַ מעסער,
עס מערן זיך די הינער־פרעסער.
אַ הילף אַ גרויסע... איז נייטיק
צו פאַרלייכטערן אונדזער ווייטיק.

„די מענטשהייט איז געוואָרן מיאוס,
זי האַלט זיך בלויז אויף הינער־פּיס...
טאָג־טעגלעך מאַכן זיי באַנקעטן —
בראָטן הינער — שטאָט קאָטלעטן...

„באנקעטן — לינקס, באנקעטן — רעכטס,
דאָס הינער־פאָלק גיט נאָך אַ קרעכץ.
יעדן טאָג — קרבנות נייע,
אין אַמעריקע — די פרייע.

„היינט — מזרחי, ציוניסטן,
אגודה — מאָרגן, צי בונדיסטן;
אויך מענטשן פשוטע פון פאָלק,
באַנקעטעווען אָן חשבון, אָן טאָלק.

„אַזוי איז שוין אונדזער שיקזאַל:
מ׳באַנקעטעוועט אין יעדן זאַל;
מען שעכט אונדז אָן רחמנות,
און מ׳פרעסט ווי נאָך אַ תענית...

„הפקר טאַקע זיינען מיר —
וויפיל אָבער איז דער שיעור?
זאָל די וועלט אויך שוין וויסן,
אַז די מענטשהייט האָט קיין געוויסן!

„מיט פאַרזאַמלונגען און פּראָטעסטירן
קען מען קיין מלחמה פירן;
גענוג שוין טרערן צו פאַרגיסן —
תיכף מוזן מיר באַשליסן:

„איינשטימיק מאַכן אַ דעקלאַראַציע,
שיקן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע
צו „יונייטעד ניישאָנס״ אין לעיק־סוקסעס —
אפשר וועט געשען אַ נס...

„אפשר וועט אונדז דאָך געלינגען,
די „יונייטעד ניישאָנס״ צו באַצווינגען:
הילף צו שיקן אונדז זאָפאָרט,
און נישט ברעכן זייער וואָרט״!...

ציוויליזאַציע...

צוויי מאַלפּעס ווי אַריסטאָקראַטן,
מיט ווייסע הענטשקעס און קראַוואַטן,
צילינדער, ראָק און שטאָק אוןברילן —
עלעגאַנטע הערן שפּילן.

געקומען זיינען זיי פון וואַלד
אין מענטשלעכער געשטאַלט;
צווישן מענטשן צו שפּאַצירן,
דאָס מענטשן־לעבן צו שטודירן.

די אַנטוישונג איז גאָר גרויס,
ווען דער סוד איז באַלד אַרויס,
אַז די מענטשן־וועלט איז שלעכט —
זעלטן־ווען איז ווער גערעכט.

די מענטשן זיינען ווי די חיות,
ווילדע ממש, אָן אחריות;
פאַרצוקן ווילן זיי די וועלט —
און אַלע יאָגן זיך נאָך געלט.

יושר, צדקות — זעלטן־וואו,
רחמנות־טירן — אַלע צו;
קנאה, שווינדל, ליגן, האָס —
הערשן אַלע אויף דער גאַס.

פאַלשע רייד און פאַלשע מענטשן —
קלינגט ווי שעלטן זייער בענטשן;
און חניפה אָן אַ מאָס,
שטאָלץ פאַררייסן יעדע נאָז.

די מאַלפּעס האָבן אַלץ באַטראַכט,
געלאַכט און חוזק פיל געמאַכט:
די ציוויליזאַציע — ווערט אַ דרייער,
וואו עס הערשט אַן אייביק פייער.

די מאַלפּעס האָבן באַשלאָסן באַלד,
אַז בעסער איז פאַר זיי דער וואַלד:
ווייט פון מענטשלעכע יאָרידן —
הערשן דאָרטן רו און פרידן.

דער אייביקער שונא

די קאַץ האָט גרויסע נייעס
אָנגעזאָגט די מייז:
„איך וויל אַ בעל־תשובה ווערן,
און אייער לעבן נישט מער שטערן.

„איך וויל מיט אייך אַ שלום שליסן,
פרייהייט זאָלט איר איצט געניסן.
פריי אויף אַלע וועגן,
וועט איר קענען זיך באַוועגן.

„איר וועט אַ פרייען לעבן פירן,
איך וועל אייך שוין נישט מער באַרירן;
נישט מער כאַפּן, נישט מער יאָגן,
נישט מער שטיקן, נישט מער פּלאָגן.״

אויפגעכאַפּט האָבן די מייז
מיט גרוים פרייד די גוטע נייעס.
נאָר אַן אַלטע, גרויע מויז
האָט זיך אָפּגערופן בלויז:

„ברידער, שוועסטער, היט די ביינער,
אַ קאַץ האָט שטענדיק שאַרפע ציינער;
אַ קאַץ קען מען נישט געטרויען —
און אויף אירע שיינע ווערטער בויען.

„היט זיך שטענדיק, היט זיך שטאַרק,
ווייל אין קאָן ליגט אייער קאַרק!
אַ קאַץ קען קיין תשובה טאָן —
אַ קאַץ איז פאַלש פון אייביק אָן.״

די פליג

אַט גיט די פליג אַ קלער:
פאַרוואָס ווער איך געפּלאָגט?
בין איך דען אַ שטער —
ווער געדרודפ׳ט און געיאָגט!

בין איך דען אַזוי גרויס
אין די אויגן פון די מענטשן?
זיי וואַרפן מיך אַרויס
מיט שעלטן, נישט מיט בענטשן.

איך בין דאָך אַזוי קליין
און פלי פון אָרט צו אָרט;
זעלטן בלייב איך שטיין —
רעד נישט אוים קיין וואָרט.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס דער האַס,
וואָס מענטשן יאָגן מיך;
ביי זיי איז דאָס אַ שפּאַס —
און איך ווער אויסער זיך.

נאָר אין זומער-טעג
בין איך זייער גאַסט;
גיב איך מיר אַ פרעג:
צי פאַל איך זיי צו לאַסט?

איך בין דאָך גאָר אומשולדיק
וואָס מיך האָבן מענטשן פיינט;
איך ווער שוין אומגעדולדיק —
נישט האָבנדיק קיין פריינט.

עס איז פּשוט אַ חיות
צו טאַנצן און צו זינגען ;
די מענטשן זיינען מיאוס —
זיי לאָזן מיך נישט שפּרינגען.

דאָס פענצטער איז מיין טיר,
איך פלי אריין גאַנץ שנעל ;
ארום לאָמפּ איז מיין שפּאַציר,
און גיב דערביי אַ קוועל.

איך מאַך אַ סך הקפות
ארום דעם גרויסן שיין,
און זאָג מיר אַ פּאָר ברכות —
אבי נאָר לוסטיק זיין.

עס גיט מיך גאָר אַ ציי
ארײנקוקן אין קיך,
און איך גיב אַ פלי
שנעלער נאָך ווי גיך.

און איך שאָקל מיך
אויף די וועש פון שטריק ;
זע אַלץ ארום זיך —
גיב אומעטום אַ בליק.

איך קריך אריין אין טאָפּ
און קריך קוים ארוים ;
ברי זיך אָפּ דעם קאָפּ,
אַז איך גיי ממש אוים.

אין באָרשט פּלי איך אריין,
און אויך אין הייסע וואסער;
עס איז פּשוט אַ פּיין —
אַרויסקריכן אַ נאַסער.

די שטוב ווערט מיר שוין ענג,
עס ווילט זיך פרישע לופט;
עס גיט זיך אַ פאַרבענק
נאָך אַ בלומען־דופט.

דאָ זיץ איך אויף די גראָז
און פּלי פון פּלאַץ צו פּלאַץ;
דאָ זיץ איך אויף אַ נאָז,
און גיב אים שטאַרק אַ קראַץ.

די היץ מאַכט מיך שוואַך,
איך ווער שוין זייער מיד;
נאָר די אויגן זיינען וואַך —
איך זשומע מיר אַ ליד.

איך זינג זיך און איך טראַכט —
דערציילן אייך דעם סוד?
איך טראַכט אַז איך האָב מאַכט —
איך האָב אַלעמען אין באַד...

דער הונט

אין אַ זייער קאַלטער נאַכט,
דער פראָסט קנאַקט גאָר שטאַרק,
שטייט אַ הונט און וואַכט
מיט אַ קייט אַרום זיין קאַרק.

האַלב פאַרפראָרן איז ער באַלד,
אויפגערעגט און אויסער זיך;
אין זיין נאָרע איז אים קאַלט
און שטילערהייט רעדט ער צו זיך:

מקנא בין איך יענע הינט —
די הינטלעך ביי די דאַמען;
געליבט, געצערטלט ווי אַ קינד
ביי אַ געטרייער מאַמען.

זיידענע בענדלעך אַרום זייער האַלדז,
בענדלעך פון אַלערליי קאָלירן;
געפּאַשעט אין האָניק און אין שמאַלץ
און מ׳פירט זיי נאָך שפּאַצירן.

און איך פיר אַ הינטיש לעבן,
געבונדן צו אַ קייט;
אָן אַ חשבון, אָן אַ שטערבן —
אָן שום לעבנס-פרייד.

מיין אַרבעט איז דאָך בילן,
יאָגן, שרעקן, רייסן;
טרייבן און אויך דערפילן
ווען שנעל צו בייסן.

איך בין אַ טרייער היטער,
איך היט איבעראַל;
מיין מזל איז גאָר ביטער —
ביטערער ווי גאַל.

איך היט טאָג און נאַכט:
הויז, הויף און גאָרטן;
מיין אויג שטענדיק וואַכט —
אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן.

שטענדיק בין איך דער שלעכטער,
מען רופט מיך בייזער הונט;
דער מענטש איז דער גערעכטער —
מיין האַרץ — אַ טיפע וואונד.

די פלעדערמויז

די פלעדערמויז האָט שטאַרק געלאַכט,
פון אַלע זייטן זיך באַטראַכט:
איך באַזיץ קיין שום קולטור —
און בין אַ וויכטיקע פיגור.

מיין לעבן פיר איך אָן אחריות,
סיי ביי פייגל, סיי ביי חיות;
איך פלי, איך קריך אויף אַלע פיר,
מיטן דאָפּלטן לעבן איך שטאָלציר.

די מענטשן זיינען ווי פלעדערמייז,
אידעאַלן שמעלצן פונקט ווי אייז;
אומעטום שטעלט מען אַ פיסל
און מען נאַשט פון פרעמדער שיסל.

אַ דרשה האַלט מען ביי „אגודה",
ביי „מזרחי"-באַנקעט — אַ סעודה;
שירים כאַפּט מען ביי „מפא"י",
„פועל-המזרחי" — אויך אַ פּאַרטיי.

מ'לויפט לינקס, מ'זוכט רעכטס,
אַ טיפער זיפץ, אַ טיפער קרעכץ;
אַ שאָד, אַ שאָד וויייניק פּאַרטייען —
מ'וואָלט געקענט נאָך מער פאַרדייען...

דאָס פערדל

און דער בעל־עגלה גיט זיך אַ טראַכט:
וואָס איז געוואָרן איבער נאַכט?
מען קען שוין דאָס פערדל נישט שפּאַנען —
צוליב אויטאָס, טראַמוויען און באַנען.

דאָס פערדל, דער אַמאָליקער שטאָלץ,
איז ווערט היינט ווי אַ פערדל פון האָלץ;
וואו איז די גזשיבע, די פייערדיקע אויגן,
וואָס האָבן די קונים צוגעצויגן?

שטענדיק געווען מיט אַ יחוס־בריוו,
געגעבן אַ בריקע, געגעבן אַ שטיף;
באַליבט און באַקאַנט אומעטום,
היינט — אַן אַנטיק אין אַ מוזעאום.

וואו נעמט מען אַמאָליקע צייטן,
ווען ס׳פערדל געווען איז צום רייטן;
און די פילע פּאַסאַזשירן —
אין שטאָט אַריינצופירן?

פאָרנדיק פאַרביי די בירזשע,
גיט דאָס פערדל אַ הירזשע;
דער קוטשער מיט זיינע פּלייצעם
גיט אַ צי צו זיך די לייצעם.

שנעל פאָרט מען אַריבער די בריק,
דער שנײ זאָל נישט ווערן צו דיק;
„וויאָ!" גיט דער טרייבער אַ געשריי —
און גאַלאָפּ גיט ס׳פערדל אַ גיי!

שנעל אויך אַריבער דעם וואַלד,
עס זאָל נישט ווערן צו-קאַלט;
חס-וחלילה די פּאַסאַזשירן
זאָלן אונטערוועגס נישט פאַרפרירן.

און די בויד פאָרט גאַנץ גיך,
יעדער איינער טוליעט זיך;
אַ ביסל בראָנפן, אַ ביסל משקה —
אַ הלק אויך פאַרן קוטשער יאשקע.

וואו נעמט מען אַמאָליקע יאָרן,
ווען בוידן זיינען געפאָרן?
וואו נעמט מען די צייטן צוריק,
ווען אַ פערד איז געווען אַ גרויס גליק?

און דער בעל-עגלה גיט ווידער אַ טראַכט,
אַז דאָס פערד האָט פאַרלאָרן זיין מאַכט
צוליב אויטאָס, טראַמווייען און באַנען,
וואָס לאָזן דאָס פערדל נישט שפּאַנען.

דער האָן

מיט שטריק די פיס געבונדן
אַ האָן געלעגן אין אַ זייט;
דער הויף מיט הינער איז פאַרשוואונדן —
אַך, ווי ווערט מען דאָ באַפרייט?

געקעמפט האָט ער זיך צו באַפרייען
פון דעם שטריק אַרום די פיס;
פּרובירט צו בייסן און צו קייען
ביז געמאַכט האָט ער אַ ריס...

באַפרייט פון זיינע קייטן —
לויפט ער אַהין, לויפט ער אַהער,
און ער זעט אַ האָן אַ צווייטן
געבונדן ליגן פונקט ווי ער.

טאַקע גלייך האָט ער באַגריפן
מיט שרעק און מיט אַ ציטער,
אַז דער חלף איז געשליפן
און די לאַגע, אוי, איז ביטער...

נאָר דאָס לעבן איז דאָך טייער,
גיט ער זיך אַ שנעלן דריי;
זיין אָטעם איז געוואָרן פרייער —
ער לאָזט אַרויס אַ פעסטן קריי!

און מיט אַ בליק אַ שטומען,
מיט פעסטע טריט, אָן מורא;
דעם שוחט, אָט דעם פרומען —
ער רופט צו אַ דין־תורה.

וואָס האָב איך אייך געטאָן —
אַ טענה פון אַ גערעכטן;
פרעגט מיט שטאָלץ דער האָן:
פאַרוואָס ווילט איר מיך שעכטן?

מיט דעם חלף אין דער האַנט
דער שוחט הערט זיך צו געדולדיק;
און אַ שטומער, ווי די וואַנט,
בלייבט ער דעם האָן אַן ענטפער שולדיק.

די קליאַטשע

א קליאַטשע, אַן אַלט פערד,
אויסגעשטרעקט קראַנק אויף דער ערד ;
ליגנדיק זעט זי פון ווייטן
א יונג פערדל לוסטיק רייטן.

מיט די לעצטע אירע כחות,
איר האַלדז פול מיט ליחות,
האָט זי איין בקשה —
צו האַלטן איצט אַ דרשה :

אויך איך געשעצט זיך אַמאָל רייך,
געווען אַ פערד מיט פערדלעך גלייך :
געפאָרן, געשפרונגען, געשפאַנט, געריטן —
געאַקערט, געזייט, געדראָשן, געשניטן.

מיין גאַנץ לעבן טריי געדינט,
מיין שטיקל ברויט ערלעך פאַרדינט ;
מיט דער נאָז געאַקערט די ערד
און געהאָרעוועט טאַקע ווי אַ פערד.

אַוועק זיינען יענע צייטן,
פון גאַלאָפּירן און פון רייטן;
פאַרגעסן איז שנעל געוואָרן
מיין אַרבעט פון אַלע יאָרן.

איצט ליג איך דאָ פאַרגעסן,
אָן טרינקען און אָן עסן;
ליג עלנט טאָג און נאַכט —
אַ לאַסט ווער איך באַטראַכט...

מרים העליר

די קאַקאַרוטש

די קאַקאַרוטש האָט זיך צעלאַכט,
פון מענטשן שטאַרק חוזק געמאַכט:
זיי יאָגן, פּלאָגן מיך
איך אַנטלויף, לויף אויף גיך.

איך קריך, קלעטער אויף דער וואַנט,
מיט אַמאָל זע איך אַ האַנט;
די פינגער טוען זיך באַוועגן,
און פאַרשטעלן אַלע וועגן.

באַלד געוואָרן איז מיר קלאָר:
מיין לעבן הענגט גאָר אויף אַ האָר;
איך מוז, איך מוז אַנטלויפן שנעל —
אַניט מאַכט מען פון מיר אַ תל...

מיר ווערט היים, מיר ווערט קאַלט,
איך זוך אַ וועג, איך זוך אַ שפּאַלט;
זיך צו באַהאַלטן ערגעץ־וואו
און געפינען שנעל אַ ביסל רו.

די מלחמה איז געוואַלטיק־גרויס,
די נשמה פליט ממש אַרויס;
דאָס פייער פלאַקערט מער און מער —
עס פאַלט אַ קרבן, עס פאַלט אַ טרער...

מיר לויפן וואו די אויגן טראָגן,
אָן רחמנות טוט מען יאָגן;
אָפן פענצטער, אָפן טיר,
און סאָלדאַטן אָן א שיעור.

מיר זיינען פלינק, מיר זיינען קלוג,
אויסגערעכנט איז יעדער צוג;
בארימטע, גרויסע גענעראַלן —
דאָך שוואכע טוען שנעלער פאַלן.

ווער קען מיט מענטשן קאָנקורירן?
ווער קען מלחמות גרויסע פירן?
ווען מענטש האָט ממש איבער נאַכט,
די אַטאָם־באָמבעס אויסגעטראַכט...

מרים העליר

דער אייזל

אַן אייזל שפּיגלט זיך אין וואַסער,
מיט אַמאָל ווערט ער אַ בלאַסער:
וואָס! אַזוי זע איך דען אויס?
מיינע אויערן אַזוי גרויס!

אמת, איך בין טאַקע נישט קיין שיינער,
נאָר מיין געוויסן איז אַ ריינער...
טריי בין איך מיין באַלעבאָס —
ערלעך אין אַ גרויסער מאָס.

מיך האַלט מען אין איין יאָגן,
צו שלעפּן אַ שווערן וואָגן;
און איך טו זיך שטאַרק באַמיען,
שווערע לאַסטן פאַר זיי ציען.

איך צי פון אַלע זייטן,
אויך טוט מען אויף מיר רייטן;
די בייטש העלפט זיי אויך אונטער,
מיך צו מאַכן נאָך מער מונטער.
די בייטש איז זייער שטאַרק,
ס'טוט שרעקלעך וויי דער קאָרק;
אין מיטן בלייב איך שטיין —
וויל ווייטער מער נישט גיין.

אַלס עקשן בין איך באַקאַנט,
און איך הער זיי ווי די וואַנט;
איינגעשפּאַרט און אויסגעמאַטערט —
מיין גאַנצן כּח אַוועקגע'פּטר'ט.

צו מיינע אויערן דערגייען
זידלערייען און געשרייען;
און מען טוט מיך שטאַרק פאַרשעמען
מיט נידערטרעכטיק-גראָבע נעמען:

„דו דומער אייזל, דו גרויסער נאַר,
ברעכן וועסטו דעם קאַרק דערפאַר";
מיינע אויערן זיינען גרוים —
די ווערטער פליען באַלד אַרוים...

די ציג און די באָרד

די שטימונג ביי דער ציג איז געווען געהויבן,
ממש שווער געווען צו גלויבן,

אַז ליגנדיק צווישן גרינע גראָזן,
האָט זיך די ציג שטאַרק געבלאָזן.

געבלאָזן און גאַנץ הויך גערעדט,
און דערביי די באָרד געגלעט:

מען רופט מיך „דומע ציג"
זינט מיין קינדהייט, זינט מיין וויג.

דאָך אומעטום בין איך באַקאַנט,
ווער געאַכטעט אין גאַנצן לאַנד.

מיין באָרד געוואָרן איז פּאָפּולער —
וואו איך גיב זיך נאָר אַ קער.

אומעטום ווערט זי דערמאַנט,
סיי פון ווייטן, סיי פון נאָענט.

און איך גיב אייך מיין ערן־וואָרט,
אַז איך שטאָלציר שטאַרק מיט מיין באָרד!

עס כאַפּט מיך אָן אַ גרויסע פרייד,
ווען איך דערהער די שיינע רייד:

באָרד אָוו דירעקטאָרס, באָרד אָוו עדיוקיישאָן,
באָרד אָוו ראַביים, באָרד אָוו רעקאָנסיליעישאָן.

א באָרד אהין, א באָרד אהער —
איך קוועל פון נחת מער און מער...

אזא זכיה, אזא זכות —
עס פאַרשאַפט מיר גרויס געננוס.

איך, די נאַרישע, אַלטע ציג —
ווער צעשמאָלצן פון גרויס גליק;

אין מיינע אויגן ווערט עס ליכטיק,
ווי מיין באָרד געוואָרן וויכטיק.

וויפיל כבוד קריגט מיין באָרד —
סיי אין שריפט און סיי אין וואָרט!

איך, די אומבאַדייטנד-קליינע חיה,
בין זיך ממש שטאַרק מחיה.

פון גרויס שמחה הילכט מיין קול:
מע-מע-מע דורך באַרג און טאָל...

מרים העליר

דער הערינג

א הערינג, ליגנדיק אין פאַס,
אויסגעווייקט, אין גאַנצן נאַס;
מיט פאַרגלאָצטע אויגן קוקט זיך אום,
ווי אַלע הערינג ליגן שטום.

אַלע ליגן זייער פעסט,
ווי סאַרדינען איינגעפּרעסט;
און ער טראַכט זיך: אוי, ווי שלעכט,
אַזוי צו ליגן טעג און נעכט.

אָט ווערט די פאַס אויפגעמאַכט —
דעם קרעמערס פנים שיינט און לאַכט:
אין זיינע אויגן בליצט אַ שיין —
אַך, די הערינג זיינען פיין!

די הערינגס אויגן ווערן גרויס,
ווען מ׳נעמט זיי פון פאַס אַרויס;
איינציקווייז און אויך צו צוויי —
אין גאַזעטן פּאַקט מען זיי...

ליגט דער הערינג אויף אַ טעלער,
מיט גאָפּל־מעסער ביי דער זייט;
ער פילט עס קומט אַ סוף אַ שנעלער —
ס׳איז געקומען מיטאָג־צייט...

און ליגנדיק אויפן טעלער,
זעט דער הערינג איין זיין פעלער.
די אויגן פייכט, דאָס פנים בלאַס —
ער בענקט צוריק צום ענגן פאַס...

די „מינקס"

שטאָלץ שפּאַצירט האָבן די „מינקס",
זיך געבלאָזן רעכטס און לינקס:
אַ קלייניקייט, זיין פּראָמינענט —
ממש אויף יעדן קאָנטינענט!

ס'איז אַ חלום ביי יעדער פרוי,
זי מאַכט דעם מאַן אַלט און גרוי;
אַ מינק — איר האָפענונג, איר שטרעבן —
דער גרעסטער אידעאַל אין לעבן.

פאַרציטערט איז דער וואַלד געוואָרן,
חיות מיט אַ ווילדן צאָרן
געקומען פון וועלדער דעמאָנסטרירן —
די פראַגע „מינקס" צו דעבאַטירן.

די חיות קאַטעגאָריש האָבן דערקלערט:
פאַרלאָרן האָבן זיי דעם ווערט.
די „מינקס" האָבן זיי אַלע רואינירט,
און דעם וואַלד מיט שאַנד באַצירט.

דער קלוגער פוקס פאַרלאָזן האָט זיין אָרט,
געבעטן די חיות אים געבן דאָס וואָרט:
„חיות פון וואַלד"— געדונערט זיין קול —
געציטערט האָט ממש באַרג און טאָל.

„זייט נישט מקנא די אָרעמע מינקס,
פאַרשקלאַפט זיינען ביי פרויען — די ספינקס ;
פאַראורטיילט — ווי אייביקע קנעכט —
שקלאַפן ממש טעג און נעכט.

„מיר, פוקסן, ווייסן דעם ביטערן טעם,
און טרינקען פון בעכער דעם זעלביקן סם.
בעסער צו בלייבן אַ חיה אין וואַלד,
איידער באַפוצן דאָס פרויען־געשטאַלט...״

סאטירע, הומאר -- ווידער א פּאר

באָנגאַלאָ־געסט

איז דער שניי נאָך הויך געלעגן,
זאַווערוכעס, ווינטן, רעגן —
געדונגען האָט מען ביי אַ ברעג
אַ באָנגאַלאָ פאַר זומער־טעג.

אָנגעקומען זיינען היצן,
אָנגעהויבן האָט מען שוויצן;
שנעל געכאַפּט, געפּאַקט די פּעק
און די בעבעכעס אין זעק.

קוים דערלעבט צו זען דעם ים,
און נאָך נישט דערפילט זיין טעם,
האָט זיך באַלד באַוויזן
דער ערשטער גאַסט פון „סיזאָן".

אָנגעקומען זיינען געסט,
געזעסן פּשוט דאָ אויף קעסט;
און פון באָנגאַלאָ געמאַכט
אַן אכסניא איבער נאַכט...

קען מען דען אַ גאַסט פאַרשעמען?
מ'מוז אים שטענדיק פיין אויפנעמען!
נאָך מיט אַ שיינער מינע,
און אין האַלדז שטייט גאַר אַ קלינע...

געסט אויף טעג און געסט אויף וואָכן,
באַלעבאָסטע האַלט אין קאָכן;
און די טעלער אָן אַ ברעג —
געוואַשן ממש גאַנצע טעג.

און אַ גאַנצן טאָג אין קיך,
אַלץ צו מאַכן גאָר אויף גיך;
געאַרבעט שטענדיק ביז גאָר שפּעט,
און קוים דערלעבט צו זען ס׳בעט...

אַ גאַסט אַריין, אַ גאַסט אַרויס,
ענג געוואָרן איז אין הויז;
זאָגן אַלע ווי אין כאָר:
אַ „גודביי״ — ביז נעקסטן יאָר!...

אויסגעהאָרעוועט, פאַרמאַטערט,
דאָס געזונט — כמעט גע׳פּטר׳ט...
פאַרזאָגט האָט זי אַ צענטן —
אַ באָנגאַלאָ צו רענטן!...

באַלעבאָסטע איז אָן כח,
מיט אַ שווינדל אינעם מח;
און אויפֿן דאָקטאָרס באַפעל
זוכט זי רו אין אַ האָטעל...

לעיק סוקסעס

אין לאַנג איילאַנד, לעיק סוקסעס,
זיצן פעלקער אַרום רונדן-טיש;
ווער אין טורבאַן, ווער אין פעז —
יעדער צאַפּלט ווי אַ פיש...

רעכטס — אַ טערק, לינקס — אַ גרעק,
אַמעריקאַנער און אויך לעטן;
אַראַבער אין קאַלירטע רעק —
אַלע פעלקער דאָ פאַרטרעטן.

יעדער איינער זאָגט אַ דעה,
יעדער איינער איז ביי זיך גרויס;
שטאַרקער איז, ווער ס'האָט די מאה,
און די אַנדערע פאַלן אויס...

די גאַנצע וועלט ווערט דאָ פאַרריכט,
מאַפּעס אַלטע — ניי געמאַכט;
שנעל אַרויס קומט דער באַריכט —
אָן אַ חשבון, אָן אַ טראַכט.

היינט אַ מיטינג — מאָרגן ווידער,
דעלעגאַטן האָבן צייט...
די פאַרטפעלן ליגט מען אַנידער,
די ישועה איז נאָך ווייט.

יעדער איינער האַלט אַ דרשה,
ווייל די וועלט זאָל מיט אים קלינגען;
און אין האַרצן איין בקשה:
זיינע שכנים איינצושלינגען...

מ׳פליט אַהין, מ׳פליט צוריק,
דעבאַטן גייען וועגן שלום;
אין געדאַנקען גרייט מען קריג —
מאַכט און הערשן — זייער חלום.

אַ באַנקעט

ווען מען קומט אַהער צו פאָרן,
געלט אַ ביסל שנאָרן —
אַ באַנקעט.

ווען מען פאָרט צוריק אוועק,
אויף הוצאות פון אַ קהל'שן טשעק —
אַ באַנקעט.

ווען מען גייט אָרגאַניזירן,
אָדער ערגעץ דעמאָנסטרירן —
אַ באַנקעט.

ווען אַ גביר גיט געלט אַ ביסל,
וויל ער כבוד אַ פולע שיסל —
אַ באַנקעט.

ווען ווייבער גייען „דאָניישאָנס" קלייבן,
דערביי אַ ביסל רכילות טרייבן —
אַ באַנקעט.

ווען אַ פּאָעט דרוקט אָפּ אַ בוך,
איז זיין לעצטער כּישוף־שפּרוך —
אַ באַנקעט.

ווען אידן קומען זיך צוזאמען
געבן כבוד צו די „שטאמען" —
א באנקעט.

ווען מען גייט האלטן דרשות,
אז מען פאלט שיער אין חלשות —
א באנקעט.

די קרבנות נעבעך ווינען הינער,
א טשיקן־סאפער, א טשיקן־דינער —
א באנקעט.

דער לעמאָן

דער לעמאָן האָט אַ טענה:
איך בין אַ פּרוכט אַ פיינע!
געהער צום ציטרוס־מין —
מיט פאַרבן געל און גרין.

בין אומעטום באַקאַנט,
איך קום פון וואַרעם לאַנד;
ברענג יעדן גרויסן נוצן —
מען קויפט מיך איין אין טוצן.

אין טיי — אַ מאַרמעלאַדע,
אין וואַסער — לעמאַנאַדע.
מען דריקט דעם זאַפט מיר אויס —
מען וואַרפט מיך באַלד אַרויס...

אויסגעקוועטשט, צעטראָטן,
געבליבן נאָר אַ שאָטן.
אויסגעטריקנט ליג איך אַליין,
און שטילערהייט גיב איך אַ וויין...

מרים העליר

ווייבער־פּאָליטיק

צוויי ווייבער זיצנדיק ביים טיש,
עסן גאַנץ געשמאַק די פיש;
— אַ גרויסן שמועסביידע פירן
דער וועלט־שמערץ טוט זיי שטאַרק באַרירן.

„וואָס ווייסט איר, חנה־דאָבע —
רופט זיך אָן... באַשע די גראָבע,
— די וועלט זי בראָט און ברענט אַ העליש פייער
דעם מענטשנס לעבן איז נישט ווערט קיין דרייער.

„און ווער איז אין דעם שולדיק? —
פרעגט חנה־דאָבע אומגעדולדיק,
נאָר די לאָרדן, די מענטשן־פרעסער
וואָס מאַכן נאָך דעם חורבן גרעסער.

„יאָ, די לאָרדן, די לאָרדן טאַקע,
זיינען שטענדיק ווי אַ מכה;
אומעטום איז זייער נאָז,
וואו דער ווינט גיט נאָר אַ בלאָז.

„און די אַטאָם־באָמבעס — דער נייער מיטל —
זאָגט חנה־דאָבע שוין אָן ביטול;
חרוב ווערט דורך זיי די וועלט,
עס כאַפּט אַרום אַ סקרוך און אַ קעלט.

„די פעלקער זיינען ווי די חיות,
און די מענטשן אָן אחריות;
מענטשן — ממש אָן געוויסן,
נאָר עס שמעקט זיי יענעמס ביסן!...

„זיי ווילן דווקא נאָר מלחמה,
אַרויסנעמען ביי יענעם די נשמה;
די גאַנצע וועלט באַצווינגען
און יעדן איינעם איינצושלינגען.”

ביידע גיבן איצט אַ קרעכץ,
דערמאָנען זיך אָן דעם געקעכץ,
און מיט אַ גרויסן אַפּעטיט
שלינגט מען אַלעם וואָס מען גיט.

דער בריוו

דער בריוו ווי אַלע בריוו
געקומען איז דורך פּאָסט;
דערשיטערט האָט ער יעדן טיף —
פאַרגליווערט ווי אַ פראָסט.

דער בריוו האָט זיי געבראַכט
אַ ידיעה נישט קיין גוטע,
אַז יעדער איינער איבער נאַכט
געבליבן אָן אַ פּרוטה.

סטייטש! — וואָס איז דאָ געוואָרן —
שרייען אַלע אין איין קול!
אַ חלום פון פיל יאָרן
צערונען מיט אַמאָל.

אַן אַלטער בחור, זייער רייך —
אַ ווייטער קרוב גאָר,
האָט צוגעזאָגט פאַר אַלע גלייך
זיין פאַרמעגן נאָך הונדערט יאָר.

יעדער האָט זיך שוין באַטראַכט
פאַר אַ גאַנצן מיליאָנער;
איצט, דער בריוו האָט זיי געבראַכט
אַנטוישונג און אַ טרער.

אַלע זיינען ממש חרוב
לייענענדיק דאָס בלאַט:
דער אַלטער בחור, זייער קרוב,
האָט נעכטן חתונה געהאַט...

רכילות

רכילות — זאָגט יעדער,
איז לייכט ווי אַ פעדער;
מען דאַרף נישט קיין וואָגן
צו שלעפּן און טראָגן...

מענטשן אַ סך
ליבן דעם פאַך:
רכילות פאַרשפּרייטן
פון איינעם צום צווייטן.

גאָר גרויס אין פאַרנעם —
די ווייבער אויף דעם...
דאָס מויל ווי אַ מיל,
רכילות — זייער שפּיל...

זיי ברענגען און טראָגן
אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן...
אַרונטערגעריסן —
און ריין דאָס געוויסן!...

רכילות — אַ סוד
(אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד),
וואָס מאַכט גוטע פריינט
פאַר ביטערע פיינט...

כבוד, כבוד, כבוד

איך האָב שוין נישט קיין כוח,
לאָזט מיך, לאָזט מיך אָפּ;
עס דרייט זיך מיר מיין מוח —
עס דרייט זיך מיר מיין קאָפּ.

„כבוד", רופט מען מיך,
איר ווייסט דאָך ווער איך בין!
און שנעלער נאָך ווי גיך,
איך לויף אהער, אהין.

וואו איך שטיי און גיי,
יאָגן יאָגט מען מיך;
גיב נאָר כבוד זיי —
איך ווער ממש אויסער זיך.

גיב כבוד דעם גביר,
גיב כבוד דעם פּראָסטאַק,
גיב כבוד דעם מונדיר,
גיב כבוד דעם באָסיאַק.

כבוד, כבוד, כבוד —
הער איך פון פרי ביז שפּעט;
כבוד, כבוד, כבוד —
איך ליג אין הינערפּלעט.

גיב כבוד די פּאָעטן,
גיב כבוד אַלע שרייבער,
גיב כבוד די פּאַצעטן,
גיב כבוד אַלע ווייבער.

כבוד, כבוד, כבוד —
מען שלעפּט מיך אומעטום;
כבוד, כבוד, כבוד —
איך ווער שוין טויב און שטום.

גיב כבוד די דאָקטוירן,
גיב כבוד די פילאָזאָפן,
גיב כבוד די פּראָפעסאָרן,
גיב כבוד די וואָס בלאָפן.

כבוד, כבוד, כבוד —
איך טייל אויף לינקס און רעכטס;
כבוד, כבוד, כבוד —
איך זיפץ דערביי און קרעכץ.

כבוד! — הער איך שרייען,
געוואַלט! — וואָס מער און מער;
איך קען דאָס נישט פאַרדייען,
עס קייקלט זיך אַ טרער.

איך בין שוין מיד און שוואַך
כבוד יעדן צו פאַרטיילן;
מיט שפּאָט און מיט אַ לאַך
טו איך קראַנקע מוחות היילן.

געוואַלט, עס איז דאָך שרעקלעך!
אַ, מענטשן, אָן שום שאַנד;
איר קלייבט די כבוד-ברעקלעך —
וואו איז אייער פאַרשטאַנד?

כבוד, כבוד, כבוד —
שרייען אַלע ווי אין כאָר:
כבוד, כבוד, כבוד —
אַנקאָר, אַנקאָר, אַנקאָר.

דער קאָרטן־קעניג

דער קעניג פון די קאָרטן
רעדט אַליין צו זיך:
מלכים אַלע דאָרטן
אַן לאַנד זיינען ווי איך.

גאָר זעלטן ווען אַ מלך
זיצט נאָך אויף אַ טראָן;
ס'איז אים גאָרנישט פריילעך
אַן אַן אויבן־אָן...

אַוועק זיינען די צייטן,
ווען אַ קעניג האָט רעגירט;
אַ שטאָלצער פלעגט ער רייטן,
און אַ גוואַרדיע האָט מאַרשירט.

אַוועק זיינען די יאָרן,
פון וואוינען אין פאַלאַצן;
היינט טוען זיי נאָר שנאָרן —
דאָס האַרץ האַלט ביים פּלאַצן.

די מלכים, נעבעך, זיינען
אין גלות'ן פאַרשיקט;
די קרוין טוט מער נישט שיינען,
די לאַגע איז געדריקט.

שוין בעסער מיר, דעם מלך,
ווי יענעם מלך דאָרט...
איך מאַך כאָטש מענטשן פריילעך,
וואָס האָבן ליב אַ קאָרט.

מרים העליר

קאַפע „טריאומף”

קאַפע „טריאומף” איז גוט באַקאַנט
אַלס קינסטלער־קאַפע אין גאַנצן לאַנד,
טרעפן טרעפט מען שטענדיק דאָרט
נודניקעס פון יעדן סאָרט...

אַט זעט מען דאָרט פּאָעטן,
אויסגעדאַרטע ווי סקעלעטן;
זייערע קעפּ מיט לאַנגע האָר,
נישט „באַשערט” שוין אַ פּאָר יאָר.

אַ פאַרדרייטער קאַפּעליוש —
פון מאָל צעפּרעסן איז דער פּליוש;
רייך אין לידער און סאָנעטן —
נאָר אַ דוחק אין מאָנעטן...

אַ רייע קינסטלער־מאלער,
פילע באַקאַנט אַלס גרויסע פּראַלער;
אויפן האַלדז טראָגט מען אַ שלייף —
אַ קראַוואַט איז דאָך טרייף...

אַ פראַנצויזיש „בערעטל” אויפן קאָפּ,
דער גאָרגל — אַ גרויסער קנאָפּ;
זיי זעען אוים ווי פראַנצויזן
אין די האַלב־צעריסענע הויזן...

אונטערן אָרעם — סקיצן,
די ציינער טוען קריצן;
מען קומט אַהער צו לויפן,
אפשר קען מען אַ בילד פאַרקויפן.

און אויך אַרטיסטן פון דער בינע,
יעדער מיט אַן אַנדער מינע,
חלומות הויכע פון שעקספיר —
אָטעלאָ, האַמלעט, קעניג־ליר...

אַ גאַנצע רייע מוזיקאַנטן —
אַלע ממש נאָר טאַלאַנטן;
יעדער איינער דאָ באַזונדער
האַלט זיך פאַר אַ קינד פון וואונדער.

יעדנס חלום איז צו ווערן
איבערנאַכט אַ גרויסער שטערן;
אַלע „מוזן" צו באַצווינגען,
אַז די וועלט מיט זיי זאָל קלינגען.

זיצן זיצט מען ביז גאָר שפּעט —
אַ טעפּל קאַפע איז דער באַנקעט...
און מען בענקט שוין מער אַ ביסל
נאָך געקעכטס אַ פולע שיסל...

מ'וויצלט זיך, מ'רעדט, מ'לאַכט
ביז עס ווערט שוין האַלבע נאַכט,
און מען מאַכט פון דער קאַוויאַרניע
אַ ריכטיקע קיבעצאַרניע...

די צייטונג

אַ צייטונג וואַלגערט זיך אין גאַס,
צעווייקט פון רעגן, אַלט און נאַס;
פון מענטשן־פיס פאַרשמוצט, צעטראָטן,
געבליבן איז פון איר אַ שאָטן.

פון ווינט געטריבן אין אַ ווירבל־טאַנץ,
פאַרלאָרן איז איר שיין און גלאַנץ;
צעטראָטן ליגט זי און צעריסן
און טייכן טרערן טוט זי גיסן...

עס פאַלט אַ טרער נאָך אַ טרער,
געווען ערשט נעכטן פּאָפּולער;
געווען באַקאַנט און האָב שטאָלצירט —
מיט נייעס אַלעמען באַצירט.

געווען בין איך פון טאָג דער העלד,
געבראַכט די נייעס פון דער וועלט;
געווען וויכטיק, געהאַט די מאַכט,
און אויסגעשפּילט געוואָרן איבער נאַכט.

איצט — פאַרלאָרן איז מיין ווערט,
צעטראָטן ליג איך אויף דער ערד;
פון קעלט איך ציטער און איך פריר,
איך בין בלויז — נוצלאָז פּאַפּיר...

דער פריינט

איך שרייב דאָ אַ בריוול,
אַ בריוול צו דיר ;
דו זאָלסט נישט פאַרגעסן
חלילה אָן מיר.

דו זאָלסט נישט פאַרגעסן,
אַז איך בין דיין פריינט ;
אַ פריינט נישט פון נעכטן,
און אויך נישט פון היינט.

און דו זאָלסט חלילה
אויך נישט פאַרגעסן,
אַז האָסט לאַנגע יאָרן
ביי מיר קעסט געגעסן.

ווען דו ביסט געווען
אָרעם, פאַרזאָרגט —
האָב איך דיר דעמאָלט
אַ סך געלט געבאָרגט.

איצט האָב איך געהערט,
דו ביסט אַ גביר ;
געלט האָסטו ווי בלאָטע,
און אוצרות אָן אַ שיעור.

דו וואוינסט אין פּאַלאַצן,
מיט גאָלדענע טעלער ;
דינסטן אין שטובן,
שאַמפּאַניער — אין קעלער.

טאָ לייען מיין בריוול
פון אַלע זייטן,
ווערסטו באַלד באַגרייפן,
ווי שלעכט מיינע צייטן...

איך בין איבער נאַכט
פאַראַרעמט געוואָרן;
איך האָב מיין פאַרמעגן
אין מסחר פאַרלאָרן.

טאָ זיי־זשע מיר מוחל,
פאַרגעס נישט דיין פריינט,
און שיק מיר אַרויס
אַ טשעקל נאָך היינט.

— — — — — — — — —

דער טשעק און דער פריינט
פאַרגעסן געוואָרן;
עשירות מאַכט שטאָלץ
און אַ שלעכטן זכרון...

שידוכים און ליבע

אַמאָליקע צייטן

אַמאָליקע צייטן,
אַ חרפּה פֿאַר לייטן,
„זיך שלעפּן" מיט אַ בחור אָרום;
געשאַפֿן שידוכים,
שדכנים, שלוחים,
און ליבע געווען איז גאָר שטום.

געקומען שדכנים
צו די מחותנים,
גערעדט שידוכים אַ וועלט;
חתנים און כּלות,
און אַלע מיט מעלות,
אַ צוגאָב — אַ מטמון מיט געלט.

אַ זעאונג באַשלאָסן,
פֿאַר כּלה און חתן,
נישט ווייט אין אַ שכנ׳ישער שטאָט;
דער חתן און כּלה,
מבֿינים אַלע,
געפֿאָרן אַהינצו בסוד.

ס׳האָבן ליב מחותנים,
נדן־מזומנים...
באַדינגונגען האָבן געשטעלט;
דעם יחוס געקליבן,
דעם נדן פֿאַרשריבן —
דער שידוך מיט מזל געפֿעלט.

ער שטייט אין שידוכים

צו ר׳ נאָטען, דעם גביר,
געקומען איז אַ שדכן;
אויסגעזונגען האָט ער אים,
ממש ווי אַ בדחן:

„וואָס איז מיט אייך, ר׳ נאָטע,
מאַנאַטן אָן אַ אשה!...
געקומען בין איך ריידן אייך
אַ יונגע ווייב, אַ פרישע.

„איך האָב פאַר אייך אַ סך שידוכים —
ווייבער אָן אַ שיעור...
מיידלעך יונגע, מיידלעך שיינע,
ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר.

„איר זייט דאָך נאָך אַ יונגערמאַנטשיק,
אַ יאָר אַכציק קוים...
אין מיינע אויגן זעט איר אויס
נאָך ווי אַ יונגער בוים.

„איי, די ראיה אָפּגעשוואַכט,
איר טאַפּט אַמאָל אַ וואַנט...
ס׳גיט זיך אויך אַמאָל אַ טרייסל
אַ קני, צי גאָר אַ האַנט.

„דאָס האַרץ, די לונגען — שוואַכלעך,
איר חלש׳ט אַמאָל אונטער;
אַ פּוס שלעפּט איר אַ ביסל,
אָבער פריש און מונטער...

„איר זייט, איך ווייס דאָך, א מפונק —
א בת־שלושים איז צו אַלט?
טאָ האָב איך צוואַנציק, אַכצן־יעריקע —
ס'איז אויך נישט קיין געוואַלט...

„איר זייט א גוטער קאַנדידאַט,
איר מעגט עס טאָקע ווייסן;
אַז פאַר פילע ווייבער, מיידלעך
זייט איר אַ פעטער ביסן...

„אַלע מיידלעך חלש'ן
נאָך אייער איינציקן בליק;
זייט זיך נישט צו־לאַנג מיישב,
צו געניסן פון דעם גליק...

„פאָלגט־זשע מיך, ר' נאָטע,
זייט אַ איד, אַ ספאָרט;
באַנייט זיך די קאַפּאָטע,
באַשערט פאות און באָרד..."

ר' נאָטע האָט זיך אַ ווײַלע
מיישב געווען מיט זיך;
געפאָלגט דעם שדכנ'ס עצה,
צו זען די כלות גיך...

אַ גרוס פון לייקוואוד

אין די לייקוואודער האָטעלן,
אין די לעדער־פּליוש פאָטעלן,
זיצן אין אויסגעפּוצטע קליידלעך
אלמנות, גרושות און אויך מיידלעך.

יעדע איינע איז געקומען
דאָ אַ מאַן צו באַקומען;
אפשר, טאָמער, ווער קען וויסן —
קען מען דאָ באַקאַנטשאַפט שליסן.

אָנגעטאָן אין רייכע מינקס,
וואַרפט מען אויגן רעכטס און לינקס;
און מ'מאַכט שוין גרויסע פּלענער
ווי אַריינכאַפּן די מענער.

די מענער, נעבעך, קראַנקע, אַלטע,
ענטפערן מיט בליקן קאַלטע;
און זיי קריגן מורא אַלע
פאַר אַ שפּאָגל־נייער כלה...

די פרויען האַלטן אין איין וואַרפן
יעדן איינעם אַ בליק אַ שאַרפן,
און זיי טוען זיך באַמיען
אַלע מענער אָנצוציען.

יעדער איינער איז כמעט
אַ גוטער חתן־קאַנדידאַט ;
טויב צי בלינד, אַלט צי קראַנק —
דער עיקר איז זיין „געלט" אין באַנק.

די קאָנקורענץ איז דאָ גרויס,
יעדע כאַפּן וויל פאָראויס ;
און די ווייבער גאָר אויף גיך
ווערן שונאים צווישן זיך.

און די מענער, קראַנק און שוואַך,
מאַכן שנעל אַ ויברח ;
און די ווייבערשע חשבונות —
בלייבן נאָר פּוסטע חלומות.

אין די בערג

יעדעם מיידל טראַכט און קלערט:
געפינען שנעל אַ חתן;
יעדער זיווג איז באַשערט —
אין הימל שוין געשלאָסן...

נאָר פון הימל פאַלט קיין מאַן,
מען מוז אים זוכן גיין;
יעדער מאַן וויל אַ נדן,
אַ יפת-תואר, פול מיט חן.

שווער געהאָרעוועט, געקנעכט,
דער גראָשן זאָל נישט פעלן;
געפאָרן כאַפּן זי אַ העכט
אין די בערג-האָטעלן.

די אויגן וואַרפן בליקן
אויף אַלע, אַלע מענער;
זיי ווילן זיי באַגליקן
און מאַכן גרויסע פּלענער...

שווער, גאָר שווער
אַ בחור דאָרט צו קריגן;
עס פאַלט אַ שטילע טרער
נישט קענען אים באַזיגן.

אויגן ריידן

די מענער לאַכן אוים
די מיידלשע חלומות ;
פאַר זיי איז „ליבע" בלויז
אַ שפּילצייג אָן חשבונות...

צעבראָכן און אַנטוישט,
מיט אומעט אין איר בליק,
פאַרט דאָס מיידל, ווי בארוישט,
מיטן באָס אליין צוריק.

דער מאַסקנבאַל

העל באַלויכטן איז דער זאַל,
אַ כישוף שוועבט אַרום;
עס איז היינט אַ מאַסקנבאַל,
מיט מאַסקעס אומעטום.

אין פאַרשידענע קאָסטיומען,
מאַסקעס טאַנצן, ראָמאַנסירן.
און יעדער איינער איז פאַרנומען,
אינטריגעס, ליבעס דאָרט צו פירן.

מאַסקעס אין אַלערליי קאָלירן,
פלירטן, קאָקעטירן;
און מען זעט פאָרלעך שפּאַצירן
ביי פאַרמאַכטע טירן.

מיט סודות איינגעהילט דער זאַל,
באַרוישט איז מען פון גליק;
און פּאָרלעך טאַנצן איבעראַל
ביים קלאַנג פון דער מוזיק.

אַט זעט מען פון ווייטן
צוויי מאַסקעס ראָמאַנסירן,
און ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן —
אַ שטאַרקע ליבע פירן.

זיין ליבע ברענט ווי פייער,
זיין האַרץ איז איר געגעבן ;
זי איז אים געוואָרן טייער —
ער קען אָן איר נישט לעבן.

קאָמפּלימענט נאָך קאָמפּלימענט —
ער שיט וויפיל ער קען...
און בעט זיך נאָר אויף איין מאָמענט
איר פּנים אָן דער מאַסקע זען.

די מאַסקע הערט זיך צו
צו זיינע זיסע רייד,
און מיט קאַלטבלוטיקער רו
דערפילט זי אַ גרויסע פרייד.

די מאַסקע גאַנץ געלאַסן
נעמט זי פון זיך אַרונטער ;
אויף זיין געזיכט דעם בלאַסן
אַ פייער ברענט ווי צונטער.

אַ שווינדל פאַר די אויגן,
אַ ציטער דורך זיין לייב ;
אַ חלום נישט געשטויגן ! —
ס'איז גאָר זיין אייגן ווייב !...

די צווייטע ווייב

אַלע יאָרן, ווי אַ קנעכט,
געאַרבעט טעג, געאַרבעט נעכט;
געאַרבעט ווי אין סאָכע —
געהייסן האָט זי ברכה.

קיין גאַס געזען, קיין פּאַרק,
געלאָפן איז זי נאָר צום מאַרק;
שווערע פּעק געטראָגן אויף די הענט,
צו פאַרשפּאָרן יעדן סענט.

געליטן האָט זי שטענדיק נויט,
געבאַקן האָט זי אַליין ברויט;
און אַליין געוואַשן וועש
אין אַ באַליע פון קופּער־מעש.

געאַרבעט האָט זי אַלע יאָר,
גרוי געוואָרן אירע האָר;
און איר יונגער, שיינער פּנים —
אַזאַ יאָר אויף אירע שונאים.

אַ בריה אין מסחר געווען,
געפירט געשעפטן מיט אַ ברען;
געאַרבעט האָט זי אָן אַ שיעור,
איר מאַן זאָל ווערן אַ גביר...

און אַ גביר איז ער טאַקע געוואָרן,
אויפן חשבון פון אירע יונגע יאָרן...
אַ קראַנקהייט אין אַ בייזער־פאָרם —
צעטראָטן האָט זי ווי אַ וואָרעם...

אין די בעדער נישט געפאָרן,
וואָס רייכער — איז ער קאַרגער געוואָרן;
דאָס געלט האָט ביידן זיי באַרוישט,
און שפּעטער זי ביטער אַנטוישט.

פון עשירות און פונעם געלט —
געפונען רו האָט זי אין פעלד...
לאַנגע קראַנקהייט — אַ באַריכט:
אויסגעגאַנגען איז זי ווי אַ ליכט...

האָט דער מאַן אַ טרער פאַרגאָסן,
עס האָט אים עפּעס פּאַרט פאַרדראָסן.
דאָך די וואונדן שנעל געהיילט —
שדכנים האָבן אַזוי דערציילט.

אויסגעפּוצט שוין ווי אַ פראַנט,
אַנגעטאָן גאָר עלעגאַנט...
פון אַט דעם אַלטן זכר —
צוריק געוואָרן אַ חתן־בחור.

שדכנים האָבן שידוכים גערעדט:
אלמנות, גרושות, מאָגער, פעט...
מיידלעך אויך געווען דערונטער —
אַלטע, יונגע, לוסטיק, מונטער.

אַן אויג געוואָרפן האָט ער גאָר
אויף אַן אלמנה, בלאָנדע האָר;
מיט אַ פּנים ווי אַ פּופּע,
און באַלד געשטעלט האָט ער אַ חופּה...

פאַרגעסן איז געוואָרן ברכה,
און פאַרגעסן די משפּחה.
געוואָרן איז ער גיך אוים תּם,
און זי געוואָרן אַ מאַדאַם...

אין די בעדער שוין געפאָרן,
אַנדערש ווי אין יענע יאָרן;
אַ שאָפער אין אַ בלוי מונדיר
און אַ לימוזין פאַר דער טיר...

נישט קיין קיך, נישט קיין סינק,
אַ דימענט און אַ מינק;
און אַ דינסט באַזאָרגט די שטוב —
און ביידע מעמבערס אין אַ „קלוב"...

פאַרגעסן איז די גאַנצע וועלט —
פאַרגעסן קאַרגשאַפט, פאַרגעסן געלט;
פאַרגעסן אויך דאָס וואָרט „שפּאָר"
פאַר דעם נייעם, יונגן פּאָר...

דער חתן

הייסן הייסט ער נתן,
אַ בחור ווי אַ העלד ;
ער וויל ווערן אַ חתן,
אָבער נאָר פאַר געלט.

די מיידלעך זיינען אַלע
פאַרליבט אין זיינם אַ בליק ;
נאָר ער זוכט אַ כלה
מיט יחוס, געלט און גליק.

רעדט מען אים שידוכים —
די בעסטע אין דער וועלט ;
נאָר ער האַלט וויכוחים
ווי צו נעמען געלט.

אַזוי האָט ער געקליבן
אַ יאָר נאָך אַ יאָר ;
שדכנים האָט פאַרטריבן —
זיין קאָפּ מיט גרויע האָר.

פאַרגעסן איז איצט נתן
פון דער גאַנצער וועלט ;
שווער צו ווערן אַ חתן
אַפילו שוין אָן געלט...

ערשטע ליבע

ווי אַ צויבער האָט געשטראַלט
איר שיין געזיכט;
שלאַנק געווען איז איר געשטאַלט,
געלויכטן ווי אַ ליכט...

פּערל — אירע ציין,
דער שמייכל — צוקער־זים;
טאַנצנדיק פלעגט זי גיין
מיט אירע שיינע פים.

די שיינע, בלויע אויגן,
איר קאָפּ מיט שווארצע האָר,
מיך האָבן צוגעצויגן
פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָר...

מיין ליבע האָט געברענט,
פאַרליבט געווען בין איך;
דאָך שיקזאַלס פעסטע הענט
האָט אונדז צעשיידט גאָר גיך.

פאַרגאַנגען זיינען יאָרן,
איך האָב זי נישט געזען;
די האָר מיר גרוי געוואָרן,
שוין מער נישט יונג געווען.

דער שיקזאַל האָט פאַרבונדן,
זי טרעפן נאָך אַמאָל;
מיין חלום איז פאַרשוואונדן
דערהערנדיק איר קול.

דיק געוואָרן איר געשטאַלט,
גייט קוים אַדורך די טיר;
דערזען האָב איך זי — אוי, געוואַלט!
גע׳חלש׳ט האָב איך שיער...

אירע אויגן — מאַט און קאַלט,
פאַרשוואונדן זייער גלאַנץ;
אירע פּיס — קראַנק און אַלט,
וואָס טויגן נישט צום טאַנץ.

אירע שוואַרצע האָר שוין גרוי,
מיט קנייטשן דאָס געזיכט;
געוואָרן איז זי אַן אַלטע פרוי,
וואָס צאַנקט שוין ווי אַ ליכט.

איך האָב זי קוים דערקענט,
אַ פרעמדע פרוי פאַר מיר;
נאָך איר אַזוי געבענקט?
אַזוי געלעכצט נאָך איר?

מיט אַמאָל דערוואַכט האָב איך,
געזען האָב איך אַלץ קלאָר:
אויך איך בין אַלט געוואָרן גיך
אין די פאַר צענדליק יאָר.

דער דאָן זשואַן

אין יעדן, יעדן מאַן
ליגט אַ דאָן זשואַן ;
און זיין האַרץ איז „בלויז"
ווי אַן אָמניבוס די גרויס...

ער האָט פּילע פּרויען
זיין לעבן צו צעשטרויען ;
און אָן שום אונטערשייד
פאַרשאַפט אים יעדע „פרייד".

יעדע, יעדע איינע
איז אַ „מלאכ'ל" אַ שיינע ;
און יעדע, יעדע הערט
די זעלבע ווערטער ווי ער שווערט :

„דו ביסט מיין גאַנצער שטרעבן,
איך קען אָן דיר נישט לעבן ;
מיין לעבן אָן דיר
האָט קיין זין פאַר מיר.

„באַצויבערט האָסטו מיך,
ליב האָב איך נאָר דיך ;
איך קען אָן דיר נישט זיין —
דו ביסט אינגאַנצן מיין."

די ווערטער זיינען שיינע,
און ס'הערט זיי יעדע איינע ;
דאָך יעדע פרוי באַזונדער
באַטראַכט זיי ווי אַ וואונדער.

די פאַנטאַזיע

אין מיאַמי ביי די ברעגן,
אין דעם פּאַלמען-לאַנד,
פאַר׳חלום׳ט איז געלעגן
אַ מיידל פון אָרעמען שטאַנד.

געלעגן און געטראַכט:
שיין איז דאָך די וועלט...
די נאַטור איז פול מיט פּראַכט:
ס׳איז גוט צו האָבן געלט!

מיט אַמאָל איר בליק געפאַנגען —
אַ יונגערמאַן דאָרט ליגן;
גרוים זיינען די פאַרלאַנגען
אים שנעל אַריינצוקריגן.

ער — אַ בחור מלא חן,
אַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר;
זי — אַ בלאָנדע, יונג און שיין —
אַ גאַנץ גלייכע פּאָר...

אפשר איז ער אַ מיליאָנער,
צי גאָר אַ פּרינץ אַ רייכער?
און איר מח גיט אַ קלער:
אַ שידוך גאָר אַ גלייכער.

אַ בליק אַהין, אַ בליק אַהער,
באַקאַנטשאַפט איז געמאַכט;
די ליבע האָט זיי אָן שום קלער
פאַר שקלאַפן שוין געמאַכט.

זי האָט זיך שוין באַטראַכט,
אַלס פרוי פון אַ מיליאָנער;
פול ליבע, רייכטום, מאַכט —
וואו זי גיט זיך נאָר אַ קער...

אויך ער האָט זיך געזען,
אַלס איידעם פון אַ רייכן שווער;
אין זיין פאַנטאַזיע איז זי געווען
אַ טאָכטער פון אַ מיליאָנער.

ביידע האָבן איצט געטראַכט:
ס'איז זייער גליק געקומען;
אַז ממש איבער נאַכט,
די וועלט איז איינגענומען...

גע'חלומ'ט און געטראַכט,
געבויט אין לופטן שלעסער;
דאָך שיקזאַל האָט זיי אויסגעלאַכט,
געמאַכט דעם חלום גרעסער...

מיט אַמאָל צערונען אַלעס,
דער סוד איז באַלד אַרוים:
אַז בייביידן פייפט דער דלות —
און דער שיינער חלום — אוים!...

אַ מיידל אין פּאַרק

א מיידל, יונג און שיין,
געזעסן איז אליין,
געזעסן איינזאַם אין פּאַרק;
מיט אַמאָל איז געקומען,
און אַ פּלאַץ האָט פאַרנומען
אַ יונג ווי שמשון שטאַרק.

באַקאַנט גלייך געוואָרן,
ווי פריינט שוין פון יאָרן —
פון ליבע האָט ער נאָר גערעדט;
זיין ליבע — אַ פייער,
זי איז אים גאָר טייער,
אוןביידע גע'חלום'ט ביז שפּעט.

די לבנה און די שטערן
קוקן צו און הערן
זייַנע זיסע, פאַרפירערישע רייד:
„דו ביסט מיר אַ שטערן,
איך טו דיך באַגערן —
דו ביסט מיין לעבנס-פרייד."

פאַר'כישופ'ט אויפן אָרט,
זי גלויבט יעדעס וואָרט,
פאַר'שיכור'ט געווען פון זיין ליבע;
פּלוצלונג, מיט אַמאָל,
פאַרשווינדן זיין קול —
איר שטימונג געוואָרן אַ טריבע.

זי עפנט די אויגן,
קוים געקענט גלויבן,
ליידיק די באַנק איז אַרום ;
דער העלד איז פאַרשוואונדן,
מיט איר ליבע געבונדן
געבליבן זי איינזאַם און שטום...

זי זוכט...

אוי, מענער, אוי, מענער,
ווי קען מען אייך פֿאַנגען?
איר שטאַרקסטער וואונטש,
אירע גרעסטע פֿאַרלאַנגען...

זי זוכט און זי זוכט,
מענער צו געפֿינען;
אַן אַרבעט אַ שווערע —
אַ נעץ איז צו שפּינען.

פֿון באַרג צום ים,
פֿון האָטעל צום אַנדערן;
סיי זומער, סיי ווינטער
האַלט זי אין איין וואַנדערן.

זי זוכט און זי זוכט,
און זי וואַרפֿט הייסע בליקן;
אירע גלוסטיקע אויגן
טוען מענער דערשטיקן...

איינער — צו יונג,
אַ צווייטער — צו אַלט;
איינער — צו הייס,
דער אַנדערער — קאַלט...

איינער — אַן אַלמן,
דער צווייטער — געג׳נט;
איינער — צו דאַר,
אַ צווייטער — צו פעט...

קיינמאַל ניט מיד,
זי זוכט מער און מער...
און שטיל ווי אַ גנב
פאַרשווינדט אַ טרער...

דער אַנטוישטער יונגערמאַנטשיק

געקומען צו פאָרן
אַ מאַן אין די יאָרן,
געקומען נאָך לייקוואוד אַליין;
אַ גראָבער, אַ קליינער,
דווקא קיין שיינער,
זיין מויל פול פאַלשע ציין.

געוואָרפן ער בליקן,
ממש צו דערשטיקן,
אויף מיידלעך, ווייבלעך ארום;
זיינע אויגן געפלויגן,
ווי אַ פייל פון אַ בויגן,
זיין שפּראַך געווען פון אַ בלום.

די ווייבער מיט סקאַנדאַלן,
ווי פליגן באַפאַלן,
יעדע וויל כאַפּן דעם העכט;
און יעדע באַזונדער,
געוואַרט האָט אויף אַ וואונדער,
גע'חלום'ט פון אים טעג און נעכט.

מיט אמאָל איז דער אַלטער
געוואָרן אַ קאַלטער,
געוואָרפן זיין בליק אַנדערשוואו;
דערזען האָט ער פון וויטן,
אַ יונג מיידל רייטן,
פאַרלאָרן האָט ער זיין רו.

געלאָזט האָט ער ווּיסן,
אַז ער קען נאָך געניסן
פריינטשאַפט און ליבע אַ סך;
זי האָט אים געטריבן,
זי קען אים נישט ליבן —
געטריבן מיט שפּאָט, מיט אַ לאַך.

פאַרשעמט און פאַרלאָרן
איז דער אַלטער געוואָרן,
די ליבע — זי מאַכט פון אים אַ תּל...
אין אַ פינצטערער נאַכט,
אָן אַ קלער, אָן אַ טראַכט,
געמאַכט אַ ויברח ער שנעל.

בענקשאַפט

דיין קול האָט מיך צוגעצויגן,
געווען איז עס צוקער־זים;
איך האַלט מיין קאָפּ פאַר דיר געבויגן,
מיין האַרץ ליגט ביי דיינע פים.

דו ביסט דאָס מיידל פון מיין חלום,
דו ביסט אַ קעניגין פאַר מיר;
אין מיין האַרץ — אַ טיפער שלום,
מיין נשמה לעכצט נאָך דיר.

דו ביסט, דו ביסט, מיין גאַנצער שטרעבן,
פאַרליבט בין איך שטאַרק אין דיר;
איך קען אָן דיר ממש נישט לעבן,
האָב רחמנות, האָב אויף מיר.

צוגעזאָגט האָסטו צו קומען,
וואַרטן וואַרט איך ביי דער טיר;
דיין וועג פאַרזייט איז מיט בלומען
און די בענקשאַפט וואַרט אויף דיר.

ווען וועסטו ענדלעך קומען,
וויפיל וואַרטן איז דער שיעור?
מיין האַרץ האָסטו שוין צוגענומען —
קום וואָס גיכער, קום צו מיר.

פאַלשע חלומות

— סאַלטשע און באַלטשע
חבר׳טעס צוויי,
פאַרליבט אין אַ בחור
איז יעדע פון זיי.

יעדע באַזונדער
אַלס סוד עס באַטראַכט,
גע׳חלום׳ט פון בחור
בייטאָג און ביינאַכט.

— חבר׳טעס טרייע
זיך ביידע גענאַרט,
— אויפן בחור, דעם זיווג
האָבן ביידע געוואַרט.

דורך ווייבערשע פּלאָטקעס
דער סוד איז אַרויס,
געוואָרן זיך שונאים
ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז.

דער בחור, דער חתן,
דעם סוד נישט געהערט,
אַז סאַלטשע און באַלטשע
האָבן שטאַרק אים באַגערט...

אַ בחור, אַ פראַנטל,
באַקאַנט אַלס אַ פלירט ;
מיט אַ מיידל אַ— דריטער
האָט אַ ליבע געפירט...

דער שדכן

ר' שמעלקע דער שדכן
איז גוט באַקאַנט,
אַלס מזווג זיווגים
אין גאַנצן לאַנד.

אַ הויכער, אַ דאַרער,
אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע;
סיי ווינטער, סיי זומער,
פאַרשמירט איז מיט בלאָטע.

דער פּנים אַ בלאַסער,
גרין ממש ווי גראָז;
אַ בערדל אַ געלע,
און עם קאַפּעט פון נאָז.

אַ רויטע פאַטשיילע
באַפּוצט זיין האַלדז;
זיין פליושענער קאַפּעליוש
גלאַנצט ממש ווי שמאַלץ.

אַ שירעם אַ גרויסער —
דעם שדכנ'ס אַ סימן;
אַ בייטל פון טאַבאַק,
מיט אַ לעדערנעם רימען.

זיין ביכל באַשריבן
מיט אַדרעסן אַ סך:
פון כלות, חתנים,
ווי עס פּאַסט פאַר זיין פאַך.

א מבין א גרויסער
ער איז אויף זיין סחורה:
ווּעמען — א סוחר,
וועמען — א בן־תורה.

ער איז מזווג זיווגים
פון פרי ביז שפעט;
א תנאים, א חתונה —
ס׳קומט אויך פאַר א גט.

אמאָל, על־פּי טעות,
דורך זיין אייגענער האַנט,
פּאָרט ער צוזאַמען
א וואַנט מיט א וואַנט.

האָפענונג

איך קען מיר קיין רו נישט געפינען,
נאָר איך טראַכט, נאָר איך טראַכט;
דו גייסט נישט אַרויס מיר פון זינען,
נאָר איך טראַכט, נאָר איך טראַכט.

*
* *

ווען איך האָב דיך געטראָפן,
פאַרליבט געוועזן בין איך אין דיר;
דו ביסט פון מיר אַנטלאָפן —
אַוועק ווייט, אַוועק פון מיר.

מיין ליבע האָסטו צעטראָטן,
צעטראָטן זי נאָר דו אַליין;
געבליבן איז פון מיר אַ שאָטן —
איך בענק, איך טראַכט, איך וויין.

איך טראַכט, איך טראַכט פון דיר,
אפשר קומסטו דאָך צוריק;
אפשר ברענגען וועסטו מיר
אַ פונק פון פרייד, אַ שטראַל פון גליק.

מרים העליר

די אַנטוישטע ליבע

אין די בערג געפאָרן באַשע —
באַלד האָט זי פאַרקאָכט אַ קאַשע;
געהאַפּט האָט זי אויף אַ סוקסעס
און טאַקע איז געשען אַ נס.

לאַנג האָט באַשע נישט געוואַרט,
אַ יונגערמאַן האָט זיך צוגעשאַרט;
אַזאַ העלד, אַזאַ גבור —
אַזאַ שיינער און אַ ליבער.

דאָס גליק איז איר געווען באַשערט,
אין ליבע האָט ער זיך דערקלערט;
זיין ליבע האָט געברענט ווי פייער,
זי איז אים גאָר ליב און טייער.

מיידלעך, ווייבלעך, אַלע אַרום,
געקוקט האָבן אויף באַשען קרום;
געוואָרפן אויגן פול מיט שנאה,
געברענט האָט אין זיי די קנאה.

גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט,
פאַרשקלאַפט די ליבע זיי ווי קנעכט.
הימל, ערד זיינען פאַרשוואונדן,
אין ליבע־קייטן זיי געבונדן.

זי האָט אים יעדעס וואָרט געגלויבט,
פון צווייפל ווייט געווען באַרויבט;
זיך אַלס כלה שוין באַטראַכט,
און פון דער וועלט זיך אויסגעלאַכט.

צוגעזאָגט האָט ער אין וואַלד,
בריוו לאַנגע שרייבן באַלד;
און אירע טרערן צו דערשטיקן,
זי פאַרוויגט אין גרויסע גליקן.

געקומען באַשע איז אין שטאָט,
פאַרוויקלט אין אַ גרויסן סוד;
געווען אין ליבע זי פאַרנאַרט —
אויף בריוו מיט אומגעדולד געוואַרט.

די בריוו זיינען נישט געקומען —
אַ שרעק האָט זי אַרומגענומען;
אַ שרעק, אַ פּאַניק און אַ ציטער —
איר לאַגע איז געוואָרן ביטער.

באַלד, באַלד האָט זי דערפאַרן,
געהאַלטן האָט ער זי צום נאַרן;
ער האָט אַ פרוי, אַ פיינע, שיינע,
און קינדער דריי, נאָך גאָר קליינע.

די ידיעה האָט זי שטאַרק באַרוישט,
זי צעבראָכן, זי אַנטוישט;
געהאַסט האָט זי יעדן מאַן —
און דער סוף פון איר ראָמאַן.

וואו זיינען ?...

וואו זיינען די שבועות, וואָס דו האָסט געשוואָרן,
מיך אייביק און אייביק צו ליבן;
וואו זיינען די ווערטער, די ווערטער פון ליבע —
די ווערטער ווי פּערל געקליבן.

וואו זיינען די בלומען וואָס האָבן פאַר׳שיכור׳ט —
די בלומען וואָס דו האָסט געבראַכט;
וואו זיינען די צייטן, די צייטן די שיינע,
ווען מיר האָבן ביידע געלאַכט.

וואו זיינען די ווערטער — פייער און פלאַמען —
וואָס האָבן פון ליבע גערעדט;
וואו זיינען די ליפּן, די פלאַמיקע קושן —
די הענט וואָס האָבן געגלעט.

וואו זיינען די צייטן, די שיינע, פאַרשוואונדן —
די צייטן פון גליק און פון ליבע;
וואו זיינען פאַרשוואונדן די זוניקע טעג,
וואָס האָבן פאַרטריבן די טריבע.

פאַרשוואונדן, פאַרשוואונדן איז יעדער באַזונדער,
ווייל דו ביסט פאַרשוואונדן מיט זיי;
פאַרשוואונדן די ווערטער, די ווערטער פון ליבע,
צערונען געוואָרן ווי שניי.

לירישע קלאנגען

וואו איז יושר ?

וואו איז יושר
אויף דער וועלט,
אַז דער עושר
האָט דאָס געלט ?

אים איז גוט —
ער האָט די מאה ;
ער האָט מוט
און אויך די דעה.

אַן אָרימאַן צו זיין
איז זייער שלעכט ;
פון ליידן און פּיין —
ווערט מען אַ קנעכט...

שטענדיק האָט ער זאָרגן :
וואו נעמט מען אויף מאָרגן ?
אפשר קען מען באָרגן
ביי אַ נייעם קרבן ?

בעסער זיין אַן עושר,
איידער אַן אָרעמאַן ;
וואָלט געווען אַ יושר
אַנהאַלטן דעם פּלאַן !

עלנטקייט

איך זוך אַ וועג זיך צו באַפרייען
פון דער עלנטקייט אַרום ;
ס׳ווילט זיך וויינען, ס׳ווילט זיך שרייען
נאָר דאָס לשון בלייבט גאַנץ שטום.

איינזאַם בין איך און פאַרלאָזן,
עלנטקייט איז מיין געצעלט ;
קאַלטע ווינטן טוען בלאָזן —
פינצטער איז פאַר מיר די וועלט.

לבנה, שטערן — ווי פאַרשוואונדן,
און די זון זי שיינט נישט מער ;
ווי אין קייטן אַלץ געבונדן,
פריי באַוועגט זיך נאָר אַ טרער.

דאָס ליכטל

שטיל דאָס ליכטל זאָגט צום פייער:
„פאַרוואָס ברענסטו אַזוי שנעל?
מיין לעבן איז מיר ליב און טייער —
און דו מאַכסט פון מיר אַ תל...

„איך וויל ברענען, איך וויל לייכטן,
און דו מאַכסט אַ גיכן סוף;
זע מיין קערפּער, דעם פייכטן,
ווי ער ציטערט פאַרן שלאָף.

„באַגאָסן בין איך מיט הייסע טרערן,
יעדער טראָפּן וויינט און קלאָגט;
ווייל דו ווילסט מיך גיך פאַרצערן,
איידער נאָך אין דרויסן טאָגט.

„שטאָלץ פאַלן דיינע פונקען,
ווען איך צאַנק און איך גיי אויס...
אין אייביקייט ווער איך פאַרזונקען,
פון פייער אַ רויך וועט בלייבן בלויז."

רחמנות

רחמנות, וואו ביסטו, וואו ביסטו פאַרשוואונדן,
ווער האָט דיך פון מענטשלעכע הערצער פאַרטריבן;
ווער האָט דיך פאַריאָגט, ווער האָט דיך געבונדן,
אַז איינזאַם און עלנט ביסטו געבליבן?

איינזאַם און עלנט ביסטו אַליין,
קענסט קוים געפינען אַן אָפענע טיר;
מענטשלעכע הערצער, זיי זיינען פון שטיין,
פאַרגעסן זיי האָבן אינגאַנצן אָן דיר.

מענטשלעכע הערצער, זיי זיינען גאַל-ביטער,
פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס רחמנות-געפיל;
עס כאַפּט אָן אַ שרעק, עס גייט דורך אַ ציטער —
ווי גרויזאַם זיי זיינען, קאַלטבלוטיק און קיל.

דאָס רחמנות-געפיל איז פאַרלאָרן געגאַנגען,
באַהערשט איז געוואָרן מיט רשעות די וועלט;
די מענטשן זיי זיינען געוואָרן געפאַנגען
אין נעצן פון שנאה, קנאה, גאוה און געלט.

אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה

בלאָנדזשעט, בלאָנדזשעט גאַנץ אַליין,
אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה;
עלנט איז זי ווי אַ שטיין,
זוכן זוכט זי אַ נחמה.

זי זוכט און זוכט, קען נישט געפינען,
ווייל די וועלט איז ביטער שלעכט;
פון די אויגן טרערן רינען —
רינען, רינען טעג און נעכט.

זי זוכט און זוכט, גייט ווייטער, ווייטער,
אפשר געפינט זי דאָך אַ שטראַל;
און איר פנים ווערט איצט לויטער,
דערזעענדיק פאַר זיך אַ קוואַל.

„אַ קוואַל פון טרערן, און נישט פון וואַסער!"
שרייט זי אוים אין אַ געוויין;
און איר געשטאַלט ווערט בלאַסער, בלאַסער,
בלאָנדזשענדיק ווייטער אַליין...

דער שאָטן

וואו איך גיי, וואו איך שטיי,
ער גייט מיט מיר אַרום;
דאָס האַרץ טוט מיר וויי,
מיין לשון איז האַלב־שטום.

אומעטום גייט ער מיט מיר,
ס׳כאַפּט מיך אָן אַ שרעק;
עס העלפט נישט קיין פאַרמאַכטע טיר —
ער רירט זיך נישט פון פלעק.

איך זוך, איך זוך, אויסגעפינען
ווער איז דער געהיימניספולער גאַסט;
ווער טוט אַרום מיר שפּינען
די שווערע, שווערע לאַסט.

מיט אַמאָל געוואָרן קלאָר,
פאַרשטאַנען האָב איך גיך;
דער גאַסט — מיין צווילינג־פּאָר,
דער שאָטן — פון מיין אייגן „איך".

ווי שאָטנס צוויי מיר זעען אוים:
צוזאַמען געבונדן, צוזאַמען געקנאָטן;
שווער צו זאָגן איצט פאַראוים,
ווער פון אונדז איז דער שאָטן.

דאָס געוויסן

דאָס געוויסן וואַלגערט זיך אַרום
אָן אַ היים, אָן אַ דאַך;
געטריבן אומעטום
מיט שפּאָט און מיט אַ לאַך.

מענטשן יאָגן זי אַרויס —
געגנוג געווען צו־גאַסט...
פאַר זיי איז דאָס געוויסן בלויז
אַ שווערע, שווערע לאַסט.

מענטשן זיינען שטאַרק פאַרדאָרבן,
די וועלט פאַר זיי איז קליין;
דאָס געוויסן פאַלט אַלס ערשטער קרבן,
בלייבט עלנט און אַליין...

פאַרלאָזן

פאַרשלאָסן די טירן,
נישטאָ קיין צוריק;
אַ ווייטאָג אין האַרצן —
אַוועק איז דאָס גליק.

עלנט, פאַרלאָזן
פון אַלע אַרום;
אַ פייער אין האַרצן —
דאָס לשון איז שטום.

אַוועק איז דאָס גליק,
אַוועק מיטן רויך;
דאָס מזל — דער שותּף —
געגאַנגען איז אויך.

די אויגן זיי קוקן
אַרוים פון די טרערן;
דער מח פאַרצווייפלט
פון טראַכטן און קלערן.

פאַרלאָזן, פאַרגעסן,
אַ חלום באַטראַכט;
שטיל וויינט דאָס האַרץ —
די וועלט ווי זי לאַכט...

צו דיר מיין פריינט

נישטאָ קיין היים, נישטאָ קיין ווינקל,
שטענדיק נע־ונד;
נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן,
מיטן לעבן ביסט שוין זאַט.

דו וואַלגערסט זיך און וואַנדערסט
ווי אַ וואַגאַבונד;
האָסט נישט וואו דעם קאָפּ צו לייגן,
ווי אַ גאַסן־הונט.

נישטאָ קיין פּלאַץ, נישטאָ קיין שפּאַלט,
צו געפינען אַ ביסל רו;
פאַרשלאָסן זיינען אַלע טירן —
אויך די הערצער זיינען צו.

פון איין אָרט צו דעם צווייטן
וואַנדערסטו אַרום;
ביסט פאַרצווייפלט און פאַרביטערט,
נאָר דיינע ליפּן בלייבן שטום...

די לאַסט

די לאַסט וויינט און קלאָגט:
מענטשן האַסן מיך;
ווער אומעטום געפּלאָגט
און יעדער טרייבט פון זיך.

איך האָב ממש נישט קיין פריינט,
אַ לאַסט פאַר יעדן איז אַ שטער;
יעדער איינער האָט מיך פיינט,
איך וויין און לאָז אַ הייסע טרער.

איך וויין בייטאָג, איך וויין ביינאַכט —
אַ שווערע משא איז די לאַסט;
און שטענדיק ווער איך באַטראַכט
ווי אַן אומגעווינטשטער גאַסט.

איך וויל אַוועק אין ווייטע וועלטן,
אַוועק פון אַלע מענטשן שלעכטע,
און רו געפינען אין געצעלטן,
וואו פריינטשאַפט בליט און ליבע עכטע.

אַנטוישונג

אין שפּיטאָל, אויפן קראַנקן־בעט,
ליגט אַ מענטש אַליין;
פון פרי ביז שפּעט
קרעכצט ער אין געוויין.

זיינע אויגן טרערן גיסן,
די נשמה גייט באַלד אויס;
ער טוט די אויגן שליסן,
— די יסורים ווערן גרויס.

זיין הארץ איז צעבראָכן
פון שמערץ און געוויין;
ער ליגט לאַנגע וואָכן
עלנט ווי אַ שטיין.

וואו זיינען די יאָרן,
וואו זיינען די פריינט;
טרייע פריינטשאַפט געשוואָרן —
וואו זיינען זיי היינט?

אויסגענוצט איז ער געוואָרן
פון זיינע קרובים, זיינע פריינט;
גע׳פּטר׳ט פאַר זיי פילע יאָרן —
וואו איז זייער טריישאַפט היינט?

פאַרגעסן און פאַרלאָזן,
ליגט ער אויפן קראַנקן־בעט;
נישטאָ ווער אַ טרער זאָל לאָזן —
און ווער צו זאָגן אַ געבעט.

יסורים

יסורים האָט נישט יעדער,
נאָר דער מענטש וואָס ליידט;
וואו נעמט מען אַ פעדער
צו באַשרייבן די עלנטקייט.

וואו נעמט מען דעם כח
יסורים אויסצוהאַלטן;
עס פּלאַצט ממש דער מח,
ער האַלט זיך ביים שפּאַלטן.

יסורים זיינען גרויזאַם,
און טוען שרעקלעך וויי;
מען פילט זיך זייער איינזאַם
ווען מ'בלייבט אַליין מיט זיי.

יסורים זיינען ביטער
נאָר פאַר דעם וואָס ליידט;
עס גייט דורך אַ ציטער,
ווען דער חולה שרייט.

דער קראַנקער האַלט אין האָפן,
אפשר ווערט אים בעסער;
אַ היילונג איז דאָס שלאָפן,
ווען יסורים ווערן גרעסער.

ווער קען באַגרייפן שמערצן,
ווער קען זיי דען פאַרשטיין?
נאָר דער וואָס האָט אין האַרצן
אַ רחמנות-פונק אַליין...

טרערן

טרערן זיינען רייך,
ווי וואסער אין א טייך;
זיי רינען אָן אַ ברעג —
דורך נעכט און דורך טעג.

אַמאָל — אַ טרער פון פרייד,
אַמאָל — אַ טרער פון לייד;
די אויגן ווי אַ קוואַל —
גיבן יעדן זיין וואַל...

אַ טרער נאָך אַ טרער,
עס גיסט זיך מער און מער;
דאָס פּנים ווערט אַלץ נאַסער —
באַגאָסן ווי מיט וואַסער.

דאָס פּנים בלאַסער, פייכטער,
אויפן הארצן — לייכטער;
אַ שווערע וואָג אַראָנטער,
מען פילט זיך ווידער מונטער.

אומזיסט פאַלט נישט קיין טרער,
ווען דאָס האַרץ איז ביטער שווער;
ס'איז שטענדיק דאָ אַ גרונד:
צי אַ פרייד, צי אַ וואונד...

יעדער טראָפּן פון אַ טרער,
ווי אַ דימענט בלישטשעט ער;
אַלע טראָפּנס זיינען טייער —
עס מאַכט דעם מענטשן פרייער...

ווען טרערן האָבן ווערטער...
צו באַשרייבן אַלע ערטער;
די סודות און מאָטיוון —
פון דעם טרער׳ס אַרכיוון...

מען טאָר קיין טרער פאַרשעמען,
מען מוז זי ערנסט נעמען;
מען מוז אַ טרער פאַרשטיין —
ווייל יעדע האָט איר מיין...

אָן אַ לאַנד

גע‌בליבן בין איך אָן אַ לאַנד,
דער וואַנדערשטעקן אין דער האַנט;
נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט,
יעדער שפּאָט פון מיר און לאַכט.

יעדער טרייבט מיך ווען ער וויל,
איך וואַנדער, וואַנדער אָן אַ ציל;
איך וואַנדער לינקס, איך וואַנדער רעכטס,
און מיין האַרץ גיט טיף אַ קרעכץ.

איך וואַלגער זיך שטענדיק אַרום,
די אויגן פייכט, די ליפּן שטום.
איך זוך, איך זוך אַ שטילן וועג —
אַ וועג וואָס קושט זיך מיט אַ ברעג.

אַ ברעג דעם מידן קאָפּ צו לייגן,
אַ ברעג וואָס קען זיך רופן אייגן;
די שווערע קאַמפן צו באַזיגן,
און חלומות שיינע זיך פאַרוויגן.

וואוהין ?

איך גיי מיר אויפן וועג שפּאַצירן,
די געדאַנקען שווימען ערגעץ־וואו ;
מיט אַמאָל דערזע איך צוויי טירן —
איינע אָפן, די אַנדערע צו.

איך שטיי און טראַכט וואָס צו מאַכן,
וועלכע איז די ריכטיקע טיר ;
איך הער פון וויטן אַ לאַכן,
און אַ שטימע רופט נאָך מיר.

האָט מיך אַ שרעק אַנגענומען,
אַ ציטער גייט דורך מיר ;
איך זע מיין צייט איז געקומען,
דערנענטערן זיך צו אַ טיר.

און פּלוצים אַלץ ווי פאַרשוואונדן,
אַ חלום געווען מיין שפּאַציר ;
נאָר געטראַכט האָב איך לאַנגע שטונדן :
וועלכע איז די ריכטיקע טיר...

מעמואַרן פון אַ טרער . . .

אירע מעמואַרן
האָט אַ טרער פאַרשריבן ;
זכרונות פון יאָרן,
וואָס זי האָט געקליבן.

געשריבן און געשריבן
אַ בויגן נאָך אַ בויגן ;
פלינק איז די פעדער
אויפן פּאַפּיר געפלויגן.

געשריבן און געטראַכט,
שטאַרק פאַרקנייטשט דעם שטערן ;
און דערביי אַליין
פאַרגאָסן אַ סך טרערן.

זכרונות פון יאָרן
געזאַמלט, געקליבן ;
גוטע און שלעכטע —
איינגעקריצט געבליבן.

נאָס זיינען די בלעטער,
צעווייקט פון די טרערן,
און יעדער טראָפּן פינקלט
ווי אין הימל אַ שטערן.

און עס קוקן אַרויס
פון די געשריבענע בויגן
אומציילבאַרע טרערן
פון מענטשלעכע אויגן.

טרערן פאַרגאָסן
פון צער און לייד ;
טרערן באַגאָסן
פון שמחה און פרייד.

אַ טרער און אַ טרער
זיך גיסן צוזאַמען,
און ווערן פאַרוואַנדלט
אין טייכן און ים'ען.

הייליק און טייער
די טראָפּנס פון טרערן ;
אייביקע עדות —
פריי זיינען פון שווערן.

און די פעדער שרייבט ווייטער,
וואָס מער און וואָס מער ;
שטאָלץ קלינגען די ווערטער :
גיט כבוד דער טרער ! . . .

פֿאַרצווייפֿלונג

די האָפֿענונג פֿאַרלאָרן,
די זון איז פֿאַרשוואונדן;
פֿינצטער דער גורל —
מיט ווייטאָג פֿאַרבונדן.

דאָס האַרץ איז פֿאַרשטיינערט
פֿון וויינען און טרערן;
דער קאָפּ איז געשפּאָלטן
פֿון טראַכטן און קלערן.

די האָפֿענונג פֿאַרלאָרן,
יסורים אָן אַ שיעור;
נישטאָ ווער זאָל העלפֿן —
פֿאַרמאַכט יעדע טיר...

נישטאָ ווער זאָל ברענגען
אַ ביסל פֿרייד;
נישטאָ ווער זאָל שענקען
אַ פּאָר גוטע רייד.

דער מוט איז פֿאַרלאָרן,
נישטאָ ווער ס'זאָל געבן;
נישטאָ ווער זאָל העלפֿן
אינעם קאַמף פֿאַרן לעבן.

דער קאַמף

וואו נעמט מען אַ פריינט אין אַ צרה,
וואו נעמט מען אַ פריינט ווען ס׳איז שלעכט?
ווען גוף און נשמה זיך ראַנגלען,
און דאָס הארץ פון יסורים זיך ברעכט.

וואו נעמט מען אַ פריינט צו לינדערן שמערצן,
וואו נעמט מען אַ פריינט צו הייבן דעם גייסט?
ווען דער גוף פילט זיך געבראָכן,
און די נשמה — זי בענקט נאָך אַ טרייסט.

גוף און נשמה — זיי קעמפן און קעמפן,
מיטן שונא אַ גרויסע מלחמה זיי פירן;
זיי קעמפן ווי העלדן, זיי קעמפן ווי לייבן,
דעם קאַמף צו געווינען, די שלאַכט נים פאַרלירן.

דער שונא איז גרויזאַם, דער שונא איז שלעכט,
דער שונא איז מעכטיק, זיין כוח איז גרויס;
צעשמעטערט ליגן גוף און נשמה —
די שלאַכט איז פאַרלאָרן, דער קאַמף איז אויס!

צעשמעטערט ליגן גוף און נשמה,
זיי ליגן צעטראָטן אין מיסט און אין שימל;
פון ערגעץ דערהערט זיך אַ שאַלענדע שטימע,
ווי אַ בת־קול וואָס נידערט אַרונטער פון הימל:

„שטייט אויף, איר ,באַזיגטע׳, זייט נישט פאַרצווייפלט!
איר האָט די מלחמה נאָך ווייט נישט פאַרלאָרן;
זייט מוטיק, זייט מונטער, לאַכט אויס אייער שונא —
נאָך קומען פאַר אייך פיל גליקלעכע יאָרן!...״

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער הימל פאַרלאָזט נישט, ווי עס פאַרלאָזן פריינט,
וואָס זיינען אין אַן עת־צרה נאָך ערגער פון פיינט...

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

(ארץ־ישראל)

זיי שווערן צו ישראל

הגנה איז דער שטאָלץ פון ישוב,
הגנה מוט וואונדער און כישוף;
זי באַשיצט די אידישע ערד —
מיט כח, מיט מוט און מיט שווערד.

די העלדן צום קאַמף מיט געזאַנג,
זיי גייען מיט אַן אינערן דראַנג,
דעם שונא אַ מפלה צו געבן
און ראַטעווען דאָס אידישע לעבן.

זיי זיינען די גבורי־הדור,
חשמונאים פאַר טויזנטער יאָר;
בר־כוכבא׳ס פון מאָדערנעם שניט,
וואָס קעמפן אויף שריט און טריט.

אויף שמירה ביי טאָג און ביי נאַכט,
דאָס אידישע לאַנד ווערט באַוואַכט;
דער שונא האָט קריג זיי דערקלערט,
און די רו פונעם ישוב צעשטערט.

עס פלאַקערט אַ העלישער פייער,
דאָס לעבן איז זיי גאָרנישט צו טייער.
זיי קעמפן אויף קידוש־השם,
ווי העלדן מיט גרויסן פאַרנעם.

זיי קעמפן מיטן אַלטן בטחון,
און האָפן אויף גרויסן נצחון,
צו מאַכן די מדינה גאַנץ פריי
און שווערן צו דינען איר טריי.

חנוכה־ליכטלעך

חנוכה־ליכטלעך פון צוויי טויזנט יאָר
דערציילן די נסים פון היינטיקן דור.
זיי ברענען און דערציילן יעדער באַזונדער
פון מדינת ישראל און אירע וואונדער.

הגנה, ארגון און גאַנץ ישראל,
העלדיש געקעמפט האָבן קעגן ישמעאל,
און אַ קליין הײפל אין צאָל
באַזיגט דעם שונא דורך באַרג און טאָל.

על קידוש־השם די העלדן געגאַנגען,
דעם שונא געשלאָגן, דעם שונא געפאַנגען;
געקעמפט האָבן זיי מיט הוילע הענט,
שופר געבלאָזן — געפאַלן ווענט.

עס ברענען די קליינע חנוכה־ליכטלעך,
און וועבן ווייטער די נסים געשיכטלעך:
אַ אידישע מלוכה איז ניי געבאָרן
נאָך אַ שלאָף פון צוויי טויזנט יאָרן.

די ליכטלעך דערציילן מער און מער,
און ס׳אידישע פאָלק קריגט אַ באַגער:
צו דריקן צום האַרצן די גבורי־הדור —
די חשמונאים פון היינטיקן יאָר.

די חנוכה־ליכטלעך אונדז ליב און טייער,
דערציילן געשיכטלעך דורך היילקן פייער;
זיי ברענען און דערציילן מיט אַ ברען:
אַ נס אַ גרויסער איז דאָרטן געשען.

דאָס לאַנד פון מיין חלום

ארץ-ישראל — דאָס לאַנד פון מיין חלום,
ארץ-ישראל — דער סימבאָל פון שלום;
ארץ-ישראל — ארץ אבותינו,
ארץ-ישראל — ארץ חרותנו!

גענוג אין גלות שוין געשמאַכט,
גענוג אַלס איד געווען פאַראַכט,
גענוג די בייטש אויף זיך געפילט,
גענוג מיטן לעבן שוין געשפילט.

שטענדיק געווען נע-ונד,
אויסצומיידן שחיטה, שמד;
געלאָפן פון איין לאַנד צום אַנדערן,
מיד געוואָרן שוין פון וואַנדערן.

מען האָט אונדז אומעטום געיאָגט,
אומעטום געטריבן און געפּלאָגט.
שטענדיק פאַרהאַסט אַלס איד
געהערט דאָס זעלבע ליד:

„איד, פאַרלאָז שוין אונדזער לאַנד,
איד, דו ביסט אַ פלעק און שאַנד!
איד, גיי פון דאַנען, גיי-גיי שנעל,
ס'איז אונדזער וואונטש, אונדזער באַפעל!"

אויסגעמאַטערט פילע יאָרן,
דאָס ליבסטע, טייערסטע פאַרלאָרן;
ווי ציגיינער ווערן מיר באַטראַכט —
אָן אַ היים, אָן אַ לאַנד, אָן אַ מאַכט.

געְנוג געפילט דעם גלות-איד,
גענוג געליטן, מ'איז שוין מיד;
עס ווילט זיך האָבן רו אין לעבן,
ארץ-ישראל — לאַנד פון אונדזער שטרעבן.

ארץ-ישראל — דאָס לאַנד פון מיין חלום,
ארץ-ישראל — דער סימבאָל פון שלום;
ארץ-ישראל — ארץ אבותינו,
ארץ-ישראל — ארץ חרותנו!

יציאת תימן

אין גלות צוויי טויזנט יאָר געלעבט,
נאָר געהאָפט, נאָר געשטרעבט,
די ישועה איז נישט ווייט,
עס קומט, עס קומט משיח'ס צייט.

אין געטאָס געווען איינגעשפּאַרט,
געווען דאָס לעבן גרויזאַם, האַרט;
געלעבט אין דחקות און אין נויט,
אויף וואַסער און אויף טרוקן ברויט.

געקומען אַ בשורה צו זיי מיט אַמאָל,
פון ערגעץ אַ רוף, פון ערגעץ אַ קול:
אַ אידישע מלוכה איז ניי געבאָרן,
אַן אַלטער חלום איז מקוים געוואָרן.

פאַרלאָזן די געטאָס, פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט;
דורכן מדבר ציען קאַראַוואַנען,
ציען, ציען, האַלטן אין איין שפּאַנען.

דער אימפּעט יאָגט זיי, טרייבט זיי גיך,
אָן אַ מלבוש און אָן שיך;
מענער, ווייבער, זקנים, קינדער,
לויפן, איילן וואָס געשווינדער.

זייער ציל איז איצט דער פּאָרט,
עס וואַרטן פאַר זיי דאָרט.
נישט קיין שיפן, נישט קיין באַנען,
נאָר ריזיק־מעכטיקע עראָפּלאַנען.

די נבואה — קלאָר און וואָר,
נאָך אַזויפיל טויזנט יאָר:
אויף אָדלער־פליגלען פליען
צוריק נאָך ציון, צוריק נאָך ציון.

בילדער

דער למדן

איבער אַ גמרא טיף געבויגן,
דער ראש־ישיבה שטאַרק פאַרטראַכט,
און מיט זיינע שאַרפע אויגן
האָט דעם ענין ער באַטראַכט.

דער ענין איז געווען אַ שווערער,
פאַרקנייטשט האָט ער זיין שטערן ;
און זיין מח האָט וואָס מערער
אנגעפאַנגען נאָכצוקלערן.

געבלעטערט האָט ער די גמרא,
אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט ;
צו געפינען דאָ אַ סברא —
צו געפינען דאָרט אַ פשט.

גע'חזר'ט האָט ער אויפן קול,
אַ דריי מיטן גראָבן פינגער ;
און דער ענין מיט אַמאָל
געוואָרן איז אים גרינגער.

געגלעט די באָרד, געדרייט די פאות,
אַ צופּ געגעבן ביי די האָר ;
און דער פשט לויט אַלע דעות,
געוואָרן אים אין גאַנצן קלאָר.

דער שוסטער

איך געדענק שלמה דעם שוסטער,
געוואוינט האָט ער אין קעלער ;
געווען איז ער אַ גרויסער הוסטער —
געהאַט אַ לונגען־פעלער.

געהוסט האָט ער נעכט און טעג,
די לונגען שוואַך געווען ;
געקרענקט האָט ער אָן אַ ברעג,
קיין זון קיינמאָל געזען.

אומעטום געווען באַקאַנט
אַלס ערלעך גוטער שוסטער ;
שיך געניית מיט דער האַנט,
לויט דעם נייסטן מוסטער.

געאַרבעט האָט ער לאַנגע שטונדן,
געאַרבעט זייער שווער ;
געקראָגן האָט ער פילע קונדן —
יעדן טאָג וואָס מער.

אַלע האָבן אים געבראַכט
צו פאַרריכטן שיך ;
אַלץ האָט ער צורעכט געמאַכט,
און טאַקע גאָר אויף גיך.

וועה אַ פּאָר נייע זוילן,
ווער — אַ לעדער־לאַטע;
ער פלעגט זיך קיינמאָל פוילן
אַ גלאַנץ טאָן מיט דער שמאַטע.

אַ דאַרער און אַ קליינער,
מיט אַ זיסן שמייכל;
זיין גוף — אַ בינטל ביינער,
דער קאָפּ פול מיט שכל.

זיין ווייב — הויך און דיק,
אַ גוטע און אַ פרומע;
אַ פאַרחלומ׳ט־קלוגער בליק —
געהייסן האָט זי בלומע.

מיט כבוד און ליבע באַצירט,
דער שוסטער און זיין פאַמיליע;
וואו יושר און אמת האָבן פאַרמירט
אַן עכט־האַרמאָנישע אידיליע.

דער פּאָעט

דער פּאָעט איז רייך אין ווערטער,
אָבער נישט אין געלט;
באַשרייבן קען ער אַלע ערטער
אַרום דער גאַנצער וועלט.

ער קען באַשרייבן הימל, שטערן,
לבנה, זון, פּלאַנעטן;
לאַכן, וויינען, טרערן
אין לידער און סאָנעטן.

די חיות און די בלומען,
די פייגל ווי זיי זינגען;
ווי בינען, פליגן זשומען,
און ווי גלאָקן קלינגען.

קעמל-קאַראַוואַנען
דורך דעם מדבר ציען;
שיפן יאָגן באַנען —
און עראָפּלאַנען פליען.

בּאַרג, טאָל און ים׳ען,
וואַנדערן און רייזן;
אַלטע, ווילדע שטאַמען,
און געשמאַקע שפּייזן.

ליבעס און טראַגעדיעס,
געזאַנג, טאַנץ, מוזיק;
אָפּערעס, קאָמעדיעס,
ליידן, האַס און גליק.

נאָר זיך באַשרייבן האָט פאַרגעסן
דער טאַלאַנטפולער פּאָעט;
אַז ברויט און וואַסער — זיין עסן,
און זיין בעט — אַ האַרטע ברעט.

מרים העליר

דער שיכור

פון איין שענק אין דעם אַנדערן,
האַלט דער שיכור אין איין וואַנדערן;
כאַפּט אַ שנעפּסל דאָ און דאָרט,
און ער רירט זיך קוים פון אָרט.

ער טרינקט ממש אָן אַ מאָס,
רויט געוואָרן איז זיין נאָז;
נאָך אַ גלעזל און נאָך צוויי —
און דער קאָפּ גיט שוין אַ דריי...

שטענדיק האָט ער אין זיין טאַש,
מיט בראָנפן אָנגעפילט אַ פלאַש;
סיי אין שלאָף און סיי אין וואָך
טרינקט ער אַלעמאָל אַ סך.

עס וואַקלען זיך שוין זיינע פיס,
און זיין פּנים שמייכלט זיס.
און עס זעען זיינע אויגן
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...

דער רינשטאָק איז פאַר אים אַ בעט,
דאָרט ליגט ער ווי אין הינער-פּלעט;
און עס חלומ׳ט אים, דעם שיכור,
נאָר פון בראָנפן און פון ליקער...

דער בלינדער

מיין בליק איז געוואָרן געפאַנגען
פון אַ שרעקלעך בילד:
אַ בלינדער איז געגאַנגען,
אַרום זיין האַלדז — אַ שילד.

פון ווייטנס הערט מען דאָס קלאַפן,
אַ שטעקן אין זיין האַנט;
ער גייט און האַלט אין איין טאַפּן
פונעם רינשטאָק ביז דער וואַנט.

עס פירט אַרום דעם בלינדן
אַ שיינער, גרויסער הונט.
ער העלפט אים איבערווינדן
זיין אייביק־שווערע וואונד.

זיינע אויגן האָט אים געגעבן
דער טרייער, גוטער היטער,
צו פאַרזיסן זיין לעבן,
אַזוי גרויזאַם און ביטער.

די שילד טראָגט די ווערטער:
„דערבאַרעמט זיך אויף אַ בלינדן!"
הייליק זיינען אַלע ערטער
וואו בלינדע זיך באַפינדן.

מרים העליר

אין דער רעכטער האַנט אַ שטעקן,
אין דער לינקער — אַ שיסל;
און ער האַלט זי אין איין שטרעקן —
העלפֿט אַ בלינדן, העלפֿט אַ ביסל.

זיין אויגן־שיין פֿאַרלאַשן,
פֿינצטער איז זיין וועלט;
קאַרגט נישט אייער גראַשן,
גיט אים ליכט דורך אייער געלט.

די קראַנקן־שוועסטער

הייסן הייסט זי אסתר,
אַ מיידל מלא חן,
פון פּאַך אַ קראַנקן־שוועסטער —
איר האַרץ פון גאָלד אַליין.

אָנגעטאָן איז זי אין ווייסן,
מיט אַ שמייכל — איר געזיכט.
מיט אַן אייפּערדיקן פלייסן
דערפילט זי איר פליכט.

מיט טרייִשאַפט און מיט ליבע
דער קראַנקער ווערט באַדינט.
אין זיינע טעג, די טריבע —
אַ פריינטשאַפט ביידע בינדט.

מיט געדולד זי הערט זיך איין
די צרות פון יעדן איינעם;
און פאַרלייכטערט זייער פּיין
מיט איר געלעכטער דעם שיינעם.

סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט,
איז זי פלייסיק און באַשיידן;
און איר אויג שטענדיק וואַכט
צו לינדערן זייערע ליידן.

אַלע קראַנקע אין שפּיטאָל
קוקן אויס איר בליק,
זי ברענגט זיי אַלע מאָל
אַ שטראַל פון האָפענונג און גליק.

דער ווײַן

דער ווײַן שטאָלצירט אַרום:
באַקאַנט בין איך אומעטום.
מענטשן זײַנען זיך מחיה —
קריגן אַ נשמה אַ נײַע.

גרויס איז מײַן השפּעה,
יעדער האָט פֿון מיר הנאה;
קריג כּבֿוד אָן אַ שיעור —
מען שפּיגלט זיך אין מיר.

אין פֿאַרשידענע קאָלירן
מיך טוט מען אימפּאָרטירן.
מ׳שאַצט מיך לויט די יאָרן
זינט איך בין געבאָרן.

איך בין אוניווערסאַל,
מיך טרינקט מען איבעראַל.
פֿאַרגעסן צרות, פּײַן
און שיכּור מאַכט דער ווײַן.

ווי כּישוף ווירקט דער ווײַן,
מאַכט מענטשן פֿריילעך זײַן.
אַ מענטשנס פֿרײַנט פֿאַר אַלע צײַטן,
אַ געבענטשטער טרונק אויף אייביקייטן.

דער „פּרעשור־קוקער״

אוים ברוגז, נישט מער אין כּעס —
די באַלעבאָסטע זיס, ווי צוקער...
קאָכן איז פאַר איר אַ שפּאַס
אין אַ נייעם „פּרעשור־קוקער״.

און זי נעמט שנעל דעם טאָפּ —
עס גיט אַ פייף, ווי אַ באַן;
שנעל טוט זי אַרויף דעם קנאָפּ,
און עס גייט אַריין אין שפּאַן.

עס פייפט, עס בלאָזט, עס קרעכצט
אויף גאַר אַ נייעם שטייגער;
און עס קאָכט זיך דאָס געקעכטס —
פופצן מינוט אויפן זייגער.

אַוועק די צייטן פון קאָכן שטונדן,
אַ סיסטעם — אַ נייער;
דאָס קאָכן דויערט מינוטן, סעקונדן —
מ׳שפּאָרט דערביי דאָס פייער.

דער באַלעבאָסטעס פּנים שיינט —
דער טאָפּ אַ וואונדער פון דער וועלט —
די אַלטע טעפּ האָט זי שוין פיינט,
דער „פּרעשור־קוקער״ איז ווערט דאָס געלט!

געפילטע פיש

עונג־שבת פרייטיק־צו־נאכט,
געגרייט איז שוין דער טיש.
אין די טעלער, אין פולער פראכט,
ליגט די געפילטע פיש.

געפילטע פיש איז טעם גן־עדן,
ביי דער זייט א ביסל כריין;
עס פעלן ווערטער אויסצורײדן —
מ׳קען די פיש נישט ווידערשטיין...

באפוצט זיינען די פיש מיט רויגן,
מיט ציבעלעס, מיט רענדלעך מערן.
עס גייען ממש אויס די אויגן
די פיש וואס שנעלער צו פארצערן.

עונג־שבת איז ביים טיש,
עונג־שבת פאר אונדז אלע;
ווען מ׳טונקט אין יויך פון פיש
מיט דער שבת׳דיקער חלה.

דער פֿאַמיליען־אַלבום

אויפֿן רונדן טישל פֿון סאַלאָן,
אַ ביסל זייטיק קרום,
אויפֿן שפּיצן־טישטעך אויבן־אָן
ליגט דער פֿאַמיליען־אַלבום.

גענמאַכט פֿון גרינעם פּליוש —
אַ גאָלדענער שלאָס אַרום ;
יעדער גיט אַ גלעט, אַ קוש
ווען מען עפֿנט דעם אַלבום.

ווען עס קומען קרובים, פֿריינט,
גיט מען שטענדיק דאָרט אַ מיש :
און דער גאַנצער פּנים שיינט —
מען גיט אויך אַ טרער אַ וויש.

זכרונות קלייבן זיך אַרום
פֿון נאָענט און פֿון ווייט ;
און ס׳ווערט טייער דער אַלבום —
ממש אַ הייליקייט.

אָט זעט מען זיך פֿון קינדער־יאָרן,
בילדער גאָר אַ סך :
מיט לאַנגע לאָקן, קורץ געשאָרן —
מען גיט דערביי אַ לאַך.

אָט איז די באָבע, דער זיידע,
יעדערער באַזונדער.
און אַ בילד פֿון ביידע —
שיינט ווי אַ וואונדער.

מרים העליר

דער פעטער און די מומע,
מיט אַלע זיבן קינדער.
יאָסל מיט זיין טאָכטער פרומע —
ער טראָגט זיך אַ צילינדער.

יאַנקל אין סאָלדאַטסקן היטל,
געשיקט אַזש פון סיביר;
מיט זיין כלה חנה-גיטל,
ווען ער איז אַן אָפיציר.

אַ שיין בילד פון אַ קוזינע —
פון אַמעריקע געשיקט:
קאָלאָמבוסעס מדינה
מיט דאָלאַרן זי באַגליקט.

און נאָך בילדער, מער און מער,
פון משפחה, גוטע פריינט.
און עס גיט זיך אַ קלער:
וואו זיינען זיי אַלע היינט?...

און עס וואַנדערט דער אַלבום,
צוריק צום טישל פון סאַלאָן:
דורות ליגן דאָרטן שטום,
און דורות קוקן אָן...

די קאַטערינקע

גייענדיק אין גאַס פאַרטראַכט,
פלוצלונג האָט זיך מיר געדאַכט:
טענער פון דער אַלטער היים,
און געבליבן בין איך שטיין.

און איך זע פאַר מיינע אויגן
אַן אַלטן מאַן טיף געבויגן,
דרייט אַן אַלטע קאַטערינקע
מיט דער האַנט, די לינקע.

טענער פליסן פון פאַרצייטן,
וואָס דערמאָנען אייביקייטן,
און ביים קלאַנג פון דער מוזיק —
טאַנצט אַ מאַלפּע אויף אַ שטריק.

זי טאַנצט, האַלט זיך אין בוקן —
מענטשן אַלע זאָלן קוקן,
און מיט אַ הוט אָן אַ ראַנד,
בעט נדבות מיט דער האַנט.

רחמנות האָבן אַלע זיי,
וואַרפן־צו אַ פּעני, צוויי
און די מאַלפּע מיט דאַנקבאַרן בליק
ווייזט זיי קונצן אויפן שטריק.

און פון איין פּלאַץ צום אַנדערן,
די קאַטערינקע האַלט אין וואַנדערן,
פון דערווייטנס הערט מען ווידער
פון פאַרצייטנס — אַלטע לידער.

דער שפּיגל

דער שפּיגל איז נאָר אַ שטיק גלאָז,
דאָך פּירט ער יעדן ביי דער נאָז;
סיי דערוואקסן און סיי קליין
קענען אים נישט ווידערשטיין.

פּונקט ווי אַ מאַגנעט־שטיק,
ציט ער צו זיך יעדן בליק.
סיי אָרעם און סיי רייך —
זיינען אַלע פאַר אים גלייך.

פאַר דער פרוי איז אַ גענוס,
שפּיגלען זיך פון קאָפּ ביז פוס;
און איר גרויסער אידעאַל —
אַ שפּיגל טאָן זיך איבעראַל...

אָן אויגן — זעט ער אַלעס,
סיי דאָס רייכטום, סיי דעם דלות;
סיי די פרויען — מיאוסע, שיינע,
סיי די מענטשן — גרויסע, קליינע.

ער זעט גוטע, שלעכטע זאַכן,
סיי דאָס וויינען, סיי דאָס לאַכן.
אַלץ זעט ער אומעטום —
און זיין בליק בלייבט שטענדיק שטום.

אַלע סודות זעט דער שפּיגל,
דאָך ער האַלט זיי אונטער ריגל.
סודות פון הינטער די קוליסן —
קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן...

די קרעטשמע

אויף אַ בערגל, ביי צווייַ וועגן,
צווישן טייכל און אַ וואַלד,
איז אַ קרעטשמע דאָרט געלעגן —
גוט באַקאַנט צו יונג און אַלט.

די קרעטשמע שטייט זינט יאָרן,
ווי אַ צויבער־שלאָס איז זי;
יעדער טוט אַהין פאַרפאָרן,
יעדן גיט אַהין אַ צי.

סוחרים פאָרן צו יאַרידן,
פון יאַריד אַהיים צוריק!
אונטערוועגנס פאַר אַ אידן
איז די קרעטשמע גאָר אַ גליק.

פערד ווערן דאָרט געביטן,
פערד און וואָגן אויסגעשפּאַנט;
היי און האָבער זעט מען שיטן
מיט אַ פולער, ברייטער האַנט.

אין קרעטשמע שטענדיק איז אַ טומל,
מענטשן, מענטשן, גאָר אַ סך;
קולות גרייכן אַזש דעם הימל —
אַ געשריי און אויך אַ לאַך.

די קרעטשמע ממש איז אַ ברכה
פאַר די אַלע פרעמדע געסט:
וואו יעדער איז אַ טייל משפחה
אין דעם פאַרוואָרפן ווינקל־נעסט.

אַ גרוס פון די בערג

אין די בערג איז רואיק, שטיל,
די האָטעלן פאַרלאָזן.
די לופט געוואָרן איז שוין קיל
און ווינטן קאַלטע בלאָזן.

זומער איז פאַרשוואונדן שנעל,
פאַרשוואונדן אַלע געסט;
און איינזאַם שטייט יעדער האָטעל,
פאַרלאָזן ווי אַ נעסט.

דער טומל, דער געפּילדער,
אַוועק איז ווי מיט רויך;
דער רעש, דער ווילדער,
איז מיטגעגאַנגען אויך.

איינזאַם און פאַרלאָזן
איז סיי באַרג, סיי טאָל.
דיביימער און די גראָזן —
פאַרגעסן מיט אַמאָל.

דאָס טייכל פליסט איצט לאַנגזאַם,
די שיפלעך צוגעבונדן.
און יעדער פילט זיך איינזאַם,
ווייל זומער איז פאַרשוואונדן.

פרימאָרגן אויף אַ פאַרם

אויף דער פאַרם רואיק, שטיל,
פון דערוויטנס רוישט די מיל.
דער פאַרמער, שוין גאַנץ פרי,
האַלט אין מעלקן זיינע קי.
און די קאַץ מיט שנעלן שפרונג,
לעקט די מילך מיט דער צונג.
און דער האָן גיט באַלד אַ קריי,
און די הון לייגט שנעל אַן איי.
און דער הונט, דער טרייער דינער,
יאָגט די קאַטשקעס מיט די הינער.
איינגעשפאַנט איז אויך דאָס פערד —
גרייט צו אַקערן די ערד.
אויך די פייגלען זינגען שטיל,
און די לופט איז פייכט און קיל.
גראָז, היי און דאָס שטרוי
באַדעקט זיינען מיט מאָרגן־טוי.
די זון איז שוין גאַנץ הויך,
פון דעם קוימען גייט אַ רויך.
שנעל אַריבער איז די נאַכט,
די נאַטור האָט אויפגעוואַכט.

דער אָפּשייד ביים שיף

דער אָפּשייד ביי אַ שיף
רירט יעדן זייער טיף;
עס ווילט זיך לאַכן, וויינען,
און לוסטיק זיין אינאיינעם.

די שיף און דער דעק
וואַרפן אָן אַ שרעק.
טרערן שטיקן יעדן,
אַ סך איז דאָ צו רעדן.

עס ווילט זיך גרוסן שיקן,
די אַנדערע דערקוויקן;
עס ווילט זיך אויך אַליין —
אַ פּאַסאַזשיר צו זיין.

שיידן זיך איז שווער,
עס פֿאַלט אַ שטילע טרער.
מען רעדט און מען קלערט:
אַזוי מוז זיין באַשערט.

אַ קוש איינער דעם צווייטן,
געבונדן ווי אין קייטן.
און הייליק ווערט געשוואָרן,
פֿריינטשאַפֿט אויף אַלע יאָרן.

די שיף גיט זיך אַ ריר,
דאָס הארץ — זי גיט אַ שפּיר;
מען וואַרפֿט דעם לעצטן בליק,
ווי אויף אַ פֿאַרלאָרן גליק...

דאָס שיפל

אויפן וואַסער שווימט אַ שיפל,
און אין שיפל מענטשן צוויי:
ער — אַ זעלנער מיט הויכע שטיוול,
זי — אַ מיידל מיט אַ דריי.

און דאָס שיפל אויפן וואַסער
וויגט זיך ווי אַ קינד אין וויג;
וואָס אַמאָל די זון ווערט בלאַסער —
און דאָס מיידל זינגט אַ ליד...

די זון הייבט אָן צו טונקען,
וואַרפט שוין אירע לעצטע שטראַלן;
רויט ווערן אירע פונקען,
אומעטום זעט מען זיי פאַלן.

און די זון זי איז פאַרשוואונדן,
אין וואַסער ווי אַריין;
זייער בליק איז פעסט געבונדן,
פאַר׳כישופ׳ט פון דעם שיין.

און עס האַלט ביים טונקל ווערן,
די לופט ווערט גאַנץ קיל.
אויפן הימל זעט מען שטערן,
און דאָס שיפל וויגט זיך שטיל.

און זיי ביידע, ווי אין חלום,
ביידע חלומ׳ען און שטרעבן:
די וועלט זאָל ברענגען שלום
צו פאַרזיסן זייער לעבן...

זומער אין שטאָט

אין שטאָט איז שרעקלעך היים —
אַלע באָדן זיך אין שוויים;
שווער איז צו געפינען שאָטן,
מען האַלט זיך אין איין בראָטן.

די זון שוין פון גאַנץ פרי
גיט זיך די גרעסטע מי,
אָנצוװאַרעמען די װעלט
פון דער גרויסער װינטער־קעלט.

אויסגעזעצט אויף אַלע בענק,
ווי אויסגעמאַטערט פון אַ קרענק.
מענטשן מידע, אַלט און יונג —
בענקען נאָך אַ קאַלטן טרונק...

בלעטער פאַלן

פון די ביימער פאַלן בלעטער,
פאַלן ווי אין גרויסער שלאַכט...
נישטאָ פאַר זיי קיין רעטער —
פאַרשוואונדן איז זייער פראַכט.

טאַנצנדיק פאַלן זיי אַרונטער,
איינציקווייז און אין מאַסן;
אויסגעטריקנט ווי צונטער —
וואַלגערן זיי זיך אין די גאַסן.

גערטנער, פאַרקען און וועגן,
מיט בלעטער איצט פאַרזייט.
אויסגעווייקט ווי נאָך אַ רעגן —
אומעטום דורכן ווינט פאַרשפּרייט.

בלעטער פון אַלערליי קאָלירן:
גרינע, ברוינע, געלע, רויטע;
שווער איז זיי צו סאָרטירן —
אַלע ליגן זיי פאַרפוילטע.

איינזאַם שטייט איצט יעדער בוים,
אויסגעטריקנט, נאַקעט, גלאַט.
און די צווייגן האָבן קוים
אַלס זכרון אַן איינזאַם בלאַט...

אויפן גליטש

ווינטער אויפן אייז
איז געמאַכט אַ גליטש,
מ׳דרייט זיך אין אַ קרייז
מיט געלעכטער און אַ קוויטש.

פּאָרלעך דרייען זיך
אין אַווירבל־טאַנץ,
יעדער וויל אויף גיך
געווינען שנעל דעם קראַנץ.

קונצן מאַכט איעדער
ווי אַן אַקראָבאַט,
לייכט ווי אַ פּעדער
און בייגזאַם ווי אַ בלאַט.

מען גליטשט זיך אויפן אייז
ביים קלאַנג פון מוזיק,
דער זיגער קריגט אַ פּרייז
און באַטראַכט עס ווי אַ גליק.

די נאַכט

פינצטער איז די נאַכט,
אָבער וואונדער, וואונדערשיין —
די לבנה אין איר פּראַכט
הייבט אָן אויפצוגיין.

שטיל איז איבעראַל,
עס שלאָפט סיי קליין, סיי גרויס;
זעלטן־וואו אַ שטראַל
פון אַ פענצטער קוקט אַרויס.

דער הימל איז וואַך,
די שטערן קומען אָן;
די לבנה גיט אַ לאַך,
ווען זי זעט איר באַטאַליאָן.

יעדער שטערנדל באַזונדער
איז פאַר זיך אַ העלד;
ער דערציילט די גרויסע וואונדער
פון דער גאַנצער וועלט.

די לבנה הערט זיך איין
צו די וואונדער־רייד.
באַגיסט די ערד מיט שיין
און מיט אַ שטילער פרייד.

מרים העליר

אַ חלום

געחלומט פון רייכע פּאַלאַצן,
אינדיקעס אויף גאָלדענע טאַצן;
לאַקייען ביי דער טיר
בוקן זיך שטענדיק פאַר מיר.

וויין און שאַמפּאַניער טוט זיך גיסן,
קאַוואַלירן ליגן צו־פיסן,
באַלאַלייקאַ און אַ ציגיינער־כאָר
באַגלייטן דאָס טאַנצנדיקע פּאָר.

געחלומט האָב איך אָן אַ שיעור,
בריליאַנטן הענגען אויף מיר.
אַ שאָפער אין אַ מונדיר
שטייט שטענדיק גרייט פאַר מיין טיר.

פלאָרידאַ — פאַר ווינטער־קעלט,
לאַנגע רייזעס אַרום דער וועלט;
ליבעס אויף שיפן און באַנען,
ווי אין די ביכלעך־ראָמאַנען.

אָט אַזוי האָב איך געטראַכט,
און מיר גרויסע פּלענער געמאַכט.
און פון אַלע זיבן זאַכן —
— אַ חלום ביים אויפוואַכן...

די תחינה־זאָגערין

איינגעהילט אין אַ פּאַטשיילע,
זיצט די פרומע באָבע ביילע;
ווייבער אַרום איר אַ סך —
שאַ־שטיל, קיין וואָרט, קיין לאַך.

זי האַלט אַ תּחינה,
מיט אַ פרומער מינע;
תּחינות פאַר די פרויען —
זאָגט זי לאַנגע שעה'ן.

זיי שלינגען יעדעס וואָרט,
אַלץ וואָס איז געשריבן דאָרט;
און חזר'ן איבער אויפן קול
יעדעס וואָרט אַ צענדליק מאָל.

מיט פּאַטאָס זאָגט זי אויפן קול,
העכער, העכער — וואָס אַמאָל;
גיט אַ זיפץ, לאָזט אַ טרער —
און עס גייט ווי אַ מזמור.

זי זאָגט, זאָגט, ווערט נישט מיד,
מיט אַ ניגון פון אַ ליד;
די פרויען זיינען זיך מחיה —
סיי די פרומע, סיי די פרייע...

מרים העליר

ראש חודש בענטשן

ווען מען גייט ראש-חודש בענטשן,
פרייען זיך די פרומע מענטשן;
און מיט גרויס שמחה
נעמען זיי דעם „קרבן מנחה״.

מיטן סידור אין דער האַנט,
שטעלט מען זיך ביי מזרח-וואַנט,
מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן,
איבער דעם סידור געבויגן.

ווען דער סידור אויפגעמאַכט,
ווערט די תפילה באַלד געמאַכט;
דאָס האַרץ איז ביטער שווער,
און ס׳פאַלט אַ שטילע טרער.

מיט גרויס כבוד און גרויס מורא,
שטייט מען פאַרן גרויסן בורא;
און מען בענטשט אום שבת-קודש
פאַר אַ געזונטן, גוטן חודש.

מען בעט אַז גאָט זאָל געבן,
יעדן איינעם אַ לאַנג לעבן;
געזונט, פרנסה און הצלחה,
שלום, גליק און מזל-ברכה.

מען גיט אַ פעסטן קוש דעם סידור,
ביז מ׳זעט זיך מיט אים ווידער;
פנים, אויגן נאָך גאַנץ פייכט —
אויפן האַרצן ווערט עס לייכט.

„גוטע קינדער"

אין אמעריקע זיינען מאמע־טאטע,
געגליכן ממש צו א שמאטע...
מען ווארפט זיך ארום מיט זיי,
ווי מיט א בינטל היי.

ווען טאטע־מאמע ווערן אלט,
די קינדער ווערן צו זיי קאלט...
און זיי האלטן אין איין קלערן,
וואס שנעלער פון זיי פטור ווערן...

מען זוכט כסדר נייע עצה׳ס,
דעם יאך באפרייען פון די פלייצעס;
איין געדאנק איז ביי זיי בלויז:
ווי ווארפט מען זיי פון שטוב ארויס.

זיי זיינען נישט „מאדערן",
די „יונגוואַרג" טוט מען שטערן...
פאלן ממש נאר צו לאסט,
ווי אן אומגעווינטשטער גאסט...

און טאטע־מאמע אויף דער עלטער,
זוכן נעבעך א דאך, א שעלטער.
א מושב־זקנים איז זייער ציל,
צו לעבן דארטן רואיק, שטיל...

אַן עגאָאיסט

אַן עגאָאיסט צו זיין איז נישט שווער,
עס קאָסט קיין געלט, עס פאַלט קיין טרער.
טראַכטן טראַכט ער נאָר פון זיך,
די גאַנצע וועלט — זיין אייגן „איך".

אין תירוצים זייער רייך,
קראָקאָדיל-טרערן ווי אַ טייך;
שטענדיק איז ער בלויז גערעכט,
נאָר די מענטשהייט — פאַלש און שלעכט.

ער קען נעמען און נישט געבן,
אַ פרינציפּ — אין זיין לעבן.
העלפן, העלפט ער מיטן מויל,
עפּעס טאָן — איז ער צו-פויל.

דער עגאָאיסט טוט יעדן קריטיקירן,
בלויז מיט זיך ער טוט שטאָלצירן;
פאַרדאָרבן זעט אוים יעדער איינער,
נאָר זיין געוויסן איז אַ ריינער.

פון רחמנות איז ער ווייט,
אומזיסט פאַרלירט ער נישט קיין צייט;
וויכטיק איז נאָר זיין פּערזאָן —
אַ פאַלשער מענטש פון אייביק אָן.

מענטשן קריגן שנעל אים פיינט,
ער פאַרלירט די בעסטע פריינט;
און זיי טוען אים אויסמיידן,
זיך צו שפּאָרן נייעליידן.

באַלאָנען

באַלאָנען! באַלאָנען! —
הערט מען אין די גאַסן —
אַ שטימע הויך רופן
אַ פּעדלער אַ בלאַסן.

באַלאָנען! באַלאָנען!
באַלאָנען פאַר קינדער;
אַ באַלאָן — אַ גראָשן! —
קויפט, קינדער, געשווינדער!

די קינדער פאַרסאַפּעט,
שנעל קומען צולויפן;
אין הענטל אַ גראָשן -
אַ באַלאָן צו קויפן.

די באַלאָנען פון אויבן,
געטריבן פון ווינט,
בייגן זיך שעלמיש
און ווינקען צום קינד.

אַ מיש-מאַש פון פאַרבן,
אַ וואַלד פון קאָלירן;
פאַרכאַפּן דעם אָטעם —
דאָס אויג זיי פאַרפירן.

די קינדער — באַצויבערט,
פאַר'כישוף'ט זייער בליק;
אַ באַלאָן צו באַזיצן —
איז דאָס גרעסטע גליק.

דער צייטונגס־טרעגער

ווען עס הייבט אָן קוים צו טאָגן,
אַ פינצטערניש נאָך אומעטום;
זעט מען צייטונגען אים טראָגן
אין דער געגנט דאָרט אַרום.

פינצטער איז נאָך אין די גאַסן,
די לאַמטערן וואַרפט אַ שוואַכן שיין;
אַ ליכט־שטראַל אויף זיין געזיכט דעם בלאַסן —
מיט שווייס באַגאָסן און מיט פיין.

יעדן פרימאָרגן, ווי אַ זייגער,
סיי אין היצן, סיי אין קעלט,
טראָגט ער צייטונגען כסדר,
מיט די נייעס פון דער וועלט.

קיינער טוט אים נישט באַגריסן,
פאַרשלאָסן איז נאָך יעדע טיר;
זיי ווערן צו דער שוועל געשמיסן —
— צייטונגען זיינען בלויז פּאַפּיר...

דער ים

די כוואַליעס רוישן און זיי יאָגן,
זיי יאָגן איינס דעם צווייטן,
פון שטאַרקן ווינט געטראָגן —
געבונדן אַלע ווי אין קייטן.

זיי רוישן, רוישן און זיי יאָגן,
באַלד דערגרייכן זיי דעם ברעג ;
זייערע ליפּן שעפּטשען, זאָגן :
מיטגעמאַכט אַ ווייטן וועג.

און די זאַמדן ביי די ברעגן
גיבן שלום האַנט־אין־האַנט,
און זיי טוען זיך נאָכפרעגן
אויף נייעס פון ווייטן לאַנד.

דער ים איז גרויס, דער ים איז מעכטיק,
אייביק, אייביק, טוט ער רוישן ;
קאָלירן, פאַרבן זינגען פּרעכטיק,
טוען הערן און אויג באַרוישן.

דער ים פאַרבינדט ווייטע וועלטן
זינט טויזנטער פון יאָרן,
סיי אין היצן, סיי אין קעלטן
שיפן שווימען, שיפן פאָרן.

פון דערווייטנס איז דער הימל
מיטן וואַסער ענג פאַרבונדן ;
די זון כאַפּט דאָרט אַ דרימל,
בלייבט אויפן האָריזאָנט פאַרשוואונדן.

מרים העליר

די הויף־שפּילער

מען הערט אַ שטימע, מען הערט אַ קלאַנג,
מוזיק שפּילט באַגלייט פון געזאַנג.
שפּילער גייען פון הויף צו הויף,
און קוקן צו אַלע פענצטער אַרויף.

זיי קוקן אַרויף מיט רחמנות־בליקן,
און טוען זייער שאַנד דערשטיקן;
מענטשן האָבן רחמנות אויף זיי,
וואַרפן אַרונטער אַ גראָשן צי צוויי.

די שפּילער מיט דאַנק טוען זיך בויגן,
כאַפּן דאָס געלט מיט פּאַפּיר באַצויגן;
די פּנים׳ער זייערע שיינען פון גליק,
און העכער קלינגט געזאַנג און מוזיק.

אַ כאַפּטע קינדער, פון אַלע זייטן,
קומען צולויפן אפילו פון ווייטן;
ברענגען מטבעות, די טרייע באַגלייטער,
און יאָגן נאָך די שפּילער ווייטער.

באַגלייט פון קינדער פון איין הויף צום אַנדערן,
די שפּילער, פריילעך, לאָזן זיך וואַנדערן,
און פונדערווייטנס הערט מען שוין ווידער
די זעלבע קלאַנגען, די זעלביקע לידער.

גרויסע אויגן

עס ליגט אין מענטשלעכער נאַטור
אַלץ, אַלץ צו וויסן.
עס איז אַ טייל פון דער קולטור —
באַפרידיקן דאָס געוויסן.

אין קאַנטרי, אין די האָטעלן
עסן געסט מיט אַפּעטיט;
דאָפּלטע פּאָרציעס טוט מען באַשטעלן,
מען שלינגט דעם טעלער ממש מיט.

מענטשנס אויגן זיינען גרויס,
זיי וואַנדערן אַרום.
באַקוקן שכנ׳ישע טישן בלויז
און זייער בליק בלייבט שטום.

די פּאָרציעס זיינען דאָרטן גרעסער,
רויטער איז דער כריין;
דער גולאַש — שאַרפער, בעסער,
דער שניצל אָן אַ ביין.

די קאָטשקעס זיינען שענער,
די לאָקשן מער געקנאָטן;
די הינער און די הענער
אויפן פייער מער געבראָטן.

דער קוגל — ברוינער, פעטער,
די זופּ — מער הייסע וואַסער;
דער סאַלאַט — מער גרינע בלעטער,
דאָס וואַסער איז דאָרט נאַסער...

מיד געוואָרן שוין די בליקן,
זאַט פון פרעמדע שפּייזן;
קנאה ממש טוט דערשטיקן,
מ'דאַרף שטאַרקער זיין פון אייזן.

און נאָר דער קעלנער פאַלט אַ קרבן,
מיט ווייניק געלט באַשטראָפט;
ווייל די געסט זיינען פאַרדאָרבן,
און זייער יושר שלאָפט.

אויגן ריידן

דער הוריקאַן

דער הוריקאַן האָט אויפן וואַסער זיך באַוויזן
באַהערשט אינגאַנצן די ים׳ען, די ריזן.
געטריבן דאָס וואַסער, אַ פייל אויסן בויגן,
פייער געשפריצט זיינע צאָרנדיקע אויגן.

מיט אַמאָל די זון איז פאַרשוואונדן,
הימל און ערד צוזאַמען געבונדן;
אַ נעפל באַדעקט שטאָט און ים,
אַ פייכטקייט אין לופט, שטיקנד ווי סם.

דער ים האָט געראַוישט, אַ ברוגז געפירט,
די כוואַליעס האָבן דעם ווינט שוין דערשפירט.
געברויזט האָט דאָס וואַסער מיט ווייסן שוים,
געציטערט די פיש אין טיפן תהום.

די כוואַליעס צום ברעג זיך האָבן געריסן,
פון שטאַרקן ווינט געיאָגט, געשמיסן;
דער ווינט, מיט אַ בייטש אין האַנט,
געטריבן דאָס וואַסער אַריבער צום לאַנד.

דאָס וואַסער געשטיגן איז העכער און העכער,
אַריבער דעם ברעג — דערגרייכט שוין די דעכער.
אַלט און יונג מיט ווילדע אויגן,
מיט פּאַניק געקוקט דורך די פענצטער־שויבן.

אַ שרעק האָט זיי אַלע אַנגענומען,
דערזעענדיק דעם סוף נענטער קומען;
די וועגן מיט וואַסער געוואָרן פאַרצאַמט,
ראַטעווען זיך האָבן אַלע פאַרזאַמט.

געציטערט זיי האָבן פון נעץ און פון קעלט,
ווי אַן אינדזל אָפּגעריסן פון דער וועלט;
אַ פינצטערניש געהערשט האָט איבעראַל,
די לאָמפּן פאַרלאָשן — קיין ליכט און קיין שטראַל.

דאָס וואַסער די גאַסן האָט אַלע באַדעקט,
אַלץ איז געווען פאַרשוואונדן פון פלעק;
הייזער, ביימער, אויסגעריסן פון שטאַם,
געשוואומען שטיקער אינעם רוישיקן ים.

יעדער באַזונדער האָט שטיל זיך געטראַכט:
אַז דאָס איז זיין לעצטע נאַכט;
און יעדער איינער האָט גאָר אויף גיך
אָפּגעזאָגט ווידוי שטיל פאַר זיך.

די ליפּן געשעפּטשעט האָבן אַ תפילה,
געבעטן סליחה, געבעטן מחילה;
יעדער איינער ווי אַ לעבעדיקער מת
געוואַרט האָט אפשר געשען וועט אַ נס.

א נס איז טאַקע געשען פֿאַר די מענטשן,
א נס פֿאַר יעדן גומל צו בענטשן;
מיט אַמאָל האָט דער ווינט חרטה באַקומען,
און אַנדערע ריכטונגען צו בלאָזן גענומען.

די כוואַליעס געטריבן מיט אַ שנעלקייט צוריק,
די מענטשן געוויינט האָבן פּשוט פֿון גליק;
דאָס וואַסער גענומען האָט לאַנגזאַם צו זינקען,
א האָפֿענונג, אַ ישועה פֿאַר יעדן צו ווינקען.

ווען כוואַליעס און ווינט האָבן שלום געמאַכט,
האָבן שכנים זיך באַוויזן שפּעט ביינאַכט,
געקומען באַקוקן מיט גרויס אינטערעס,
די מענטשן וואָס האָבן דערלעבט אַט־דעם נס.

דער טרעגער

שלום דער טרעגער —
זיין שטאַנד איז אין מאַרק.
אַ שטריק אויף די לענדן,
אַ שטריק אויף זיין קאַרק.

פון פרי ביז שפּעט,
מיטן שטריק פּעסט געבונדן,
שטייט ער געדולדיק
און וואַרט אויף די קונדן.

פּעק לייכטע, פּעק שווערע,
די פּלייצעס זיי טראָגן,
און עס סקריפּעט די משא,
ווי סטרונעס וואָס קלאָגן.

אונטער דער משא געבויגן,
אָטעמט ער שווער ;
באַגאָסן מיט שוויים —
באַגלייט פון אַ טרער.

אויגן ריידן

דער מענטשן־פריינט

יצחק איז זיין נאָמען,
אַ קעלנער ער פון פאַך;
שטענדיק מיטן שמייכל,
שטענדיק מיט אַ לאַך.

מיט טריישאַפט און מיט כבוד
ווערן געסט סערווירט;
מיט ליבע און דרך־ארץ
זיין נשמה איז באַצירט.

די אויגן — גוטע, מילדע,
פאַר'חלומ'ט זיין געזיכט.
גוטסקייט אין זיין הארצן
פלאַקערט ווי אַ ליכט.

פלייסיק אין זיין אַרבעט,
ערלעך אין זיין לעבן;
שלום, מענטשן־ליבע —
איז זיין גאַנצער שטרעבן.

אַ שטורעם ביים ברעג ים

פֿאַרלאָזן ליגט דער ברעג פֿון ים,
ווי פֿאַרשטויסן פֿון זיין שטאַם ;
דער נעפּל האָט מיט שטאַרקער האַנט
אָפּגעמעקט וואַסער און לאַנד.

די הימלען מיט וואָלקנס באַצויגן,
לאָזן טרערן פֿון זייערע אויגן ;
עס פֿאַלט אַ טרער נאָך אַ טרער,
און אַ רעגן אָטעמט שווער.

די כוואַליעס באַפּוצט מיט ווייסן שוים,
כאַפּן זייער אָטעם קוים ;
לויפֿן, יאָגן שנעל צום ברעג,
אויסגעמאַטערט פֿון וויטן וועג.

די זאַמדן געטריבן פֿון ווינט,
ציטערן ווי באַגאַנגען אַ זינד ;
וואַלגערן זיך אַרום נע־ונד
און טאַנצן אין קאַראַהאָד.

ים־פֿייגל זיינען די איינציקע געסט,
דער שטורמישער ים — זייער נעסט.
זיי פֿליען, זינגען, טאַנצן, שפּילן,
און כאַפּן אַ שווים אין ים דעם קילן.

דער שטורעם

דער רעגן לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן,
אָן שום לאַסקעס, אָן שום גלעטן,
ימ׳ען וואַסער לאָזט ער פאַלן —
אוצרות פאַר די וואַסער־קוואַלן.

דער דונער שליידערט שטיינער,
אַ ציטער דורך די ביינער;
די הימלען ווי געשפּאָלטן,
די וועלט זעט אויס פאַרשאָלטן.

די בליצן וואַרפן פונקען,
די וועלט אין פינצטערניש פאַרזונקען,
באַגלייט פון דונער און רעגן,
באַלויכטן מיט שטראַלן די וועגן.

אַ שטורעם באַהערשט די וועלט,
יעדער זוכט אַ דאַך, אַ געצעלט;
אַ וועג זיך צו באַשיצן
פון רעגן, דונער און בליצן.

אין אַ ווינקל פאַרוואָרפן ווייט,
אַ קעצל פון רעגן זוכט שוץ;
אין אַ הקדש די אָרעמע לייט —
זיך ראַנגלען אין נאַסן שמוץ.

טויבן אויפן דאך ווי געבונדן
טוליען זיך איינע צום צווייטן;
די פייגעלעך ווערן פארשוואונדן
אין שורות, אין שורות פון קייטן.

סיי מענטש, סיי חיה — יעדער באזונדער,
בארוישט זיינען פונעם גרויסן וואונדער;
מיט כבוד, מיט יראה, מיט מורא,
א תפילה זיי שעפטשען צום בורא.

דער „העדוויטער"

ווען עס קומט אריין א מינק,
גיט דער „העדוויטער" א ווינק;
און זיין מח גיט א קלער —
אפשר א מולטי־מיליאָנער?...

ער האלט זיך טיף אין בויגן,
מיט פייער פינקלען זיינע אויגן;
און כבוד גיט ער אָן א שיעור,
ווי עס פאסט פאר א גביר.

די „גבירים" זעצט ער אויבן־אָן,
יעדער קריגט ממש א טראָן;
און זיין טריישאפט צו באווייזן,
ברענגט ער זיי די בעסטע שפייזן.

ער דרייט זיך שטענדיק ארום זיי,
קלעפט צו יעדן זיך ווי קליי.
די אנדערע געסט ווערן פארגעסן
צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן.

זיין פאנטאזיע ארבעט שטארק,
אז „גבירים" זיינען גאָר נישט קארג;
און ווי עס פאסט פאר זייער שטאנד,
אים אויסשטרעקן א „ברייטע" האנט.

די אַלע איבעריקע געסט
זעצט ער אין אַ פאַרוואָרפן נעסט ;
ווי „קבצנים״ באַטראַכט זיי קרום —
קוקט זיך זעלטן אויף זיי אום.

ווי אַנטוישט איז ער געוואָרן,
ווען די „גבירים״ זיינען זיך צעפאָרן :
אָן „זיי־געזונט״, אָן אַ „פרוטה געלט״,
פינצטער איז געווען זיין וועלט.

דאַקעגן די „קבצנים״־געסט
געדריקט האָבן זיין האַנט פעסט ;
יעדער דרוק האָט געלט געבראַכט —
אַ נייעם מענטש פון אים געמאַכט.

א געזאַנג פֿון קאַליִרן

„קאַנאַסטאַ"

מיין ווייבל האָט גאָר אין זינען
„קאַנאַסטאַ" פון פרי ביז שפּעט;
זי קומט אַהיים גאַנץ באַגינען
און לייגט זיך בייטאָג גאָר אין בעט.

„קאַנאַסטאַ" — שרייט זי פון חלום,
„קאַנאַסטאַ" — שרייט זי פון שלאָף;
אַוועק פון שטוב איז דער שלום,
פון דער ליבע געוואָרן אַ סוף.

דער מאַן איז אינגאַנצן פאַרגעסן,
איך דריי זיך אַרום ווי אַ יאָלד;
נישטאָ מער קיין טרינקען, קיין עסן —
אַזוי האָט „קאַנאַסטאַ" געוואָלט.

די ווייבער זיי זיינען געוואָרן
„קאַנאַסטאַ"־שפּילער — אַ ברען;
„קאַנאַסטאַ" האָט זיי פאַרפאַרן —
געוואַלט, וואָס איז דאָ געשען?!

„קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ" —
וואָס האָסטו פון מיר דען געמאַכט?
„קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ" —
כ'האָב נישט קיין טאָג, נישט קיין נאַכט.

„קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ" —
פאַרוואָס האָסטו מיין לעבן צעשטערט?
„קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ", „קאַנאַסטאַ" —
מסתמא איז מיר דאָס באַשערט...

דער קאָרטן־שפּילער

אויפגעוועקט האָט אים דער זייגער אויף דער וואַנט,
געזעסן איז ער מיט די קאָרטן אין זיין האַנט;
זיין קאָפּ פאַרזונקען, טיף געבויגן,
טייכן טרערן גערונען פון די אויגן.

די האָר צעשויבערט, פאַרמאַטערט זיין געזיכט,
אַ פינצטערניש — קוים געצאַנקט אַ ליכט;
די הענט פאַרגליווערט, דאָס האַרץ פאַרביטערט,
זיין לייב פון שרעק און קעלט געציטערט.

די קאָרטן, די קאָרטן, געמורמלט האָט ער שטיל,
די קאָרטן, די קאָרטן — פאַרלאָרן איז דאָס שפּיל;
פאַרלאָרן, פאַרלאָרן, נישטאָ קיין צוריק,
פאַרשפּילט זיין פאַרמעגן, פאַרשפּילט זיין גליק.

די טירן אָפן, אַ קאַלטער ווינט געבלאָזן,
פאַרשוואונדן די שפּילער — אים אַליין געלאָזן;
אַ געפּל־בויגן, רויך־וואָלקנס שוועבן אַרום,
ביר־פלעשער, גלעזער אין אַש ליגן שטום.

מיט קאַלטן שווייס איז באַגאָסן ער געוואָרן,
מיט אַ ווילדן געלעכטער און אוממענטשלעכן צאָרן;
צעריסן די קאָרטן — אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט,
און מיט שנעלע טריט פאַרלאָזן דאָס אָרט.

פאַרשפּילט זיין חלום צו ווערן רייך —
הערט ער פּלוצים דאָס רוישן פון טייך;
פאַרצווייפלט, אָן שום קלער און טראַכט —
פאַרשוואונדן איז ער אין דער פינצטערער נאַכט.

דער גרויער האָר

אַ שרעק באַפאַלט די פרוי,
זוען זי אַנטדעקט אין שפּיגל:
אַ האָר אין קאָפּ געוואָרן גרוי —
אַן אָנפאַנג־עלטער זיגל...

זי ציטערט ווערן אַלט —
פאַרלירן יוגנט־חן...
זי קלאָגט און שרייט: גוואַלט!
ווי בלייבט מען יונג און שיין?

זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט,
די קנייטשן מערן זיך;
זי ווערט צו זיי אַ קנעכט —
פאַרעלטערט ווערט זי גיך.

מיט אַמאָל אַ שטראַל פון ליכט:
נישט קיין חלום, נאָר די וואָר —
שמירן קען מען דאָס געזיכט,
און פאַרבן קען מען האָר...

דער נודניק

דער נודניק איז אַזוי געבאָרן,
צו זיין אַ נודניק אַלע יאָרן;
ער רעדט און רעדט און רעדט אַ סך,
נודיען יענעם איז זיין פאַך.

שטענדיק גייט ער נאָר צו־גאַסט,
אומעטום פאַלט ער צו־לאַסט;
און ער מאַטערט יעדן איינעם —
רחמנות האָט ער נישט אויף קיינעם.

רעדן רעדט ער זייער פיל,
און מאָלן מאָלט ער ווי אַ מיל;
פאַרמאַטערט ווערט פון אים דער מח,
מען האָט שוין פשוט נישט קיין כח.

שטענדיק איז דעם נודניקס שטייגער,
נישט צו קוקן אויף אַ זייגער;
און ער רעכנט גאָר די שטונדן
בלויז ווי עטלעכע סעקונדן.

מוז מען נעמען שטאַרק אין זינען,
אַ נייעם מיטל צו געפינען:
ווי פון נודניק פטור ווערן,
ער זאָל קיינעם מער נישט שטערן.

דער סוד

א מאַך מיט דער האַנט —
דער סוד גלעט די וואַנט ;
ווענט האָבן אויערן —
אויך די גרעסטע מויערן.

נישט יעדער איז בכח
א סוד טראָגן אין מח ;
א סוד האַלטן איז שווער —
אויך קאַסט עס א טרער.

סודות ביי פרויען
קען מען נישט בויען,
ווערטער — א שפּיל,
רכילות — זייער ציל.

ווען דער סוד פאַלט שיכור
פון בראָנפן און ליקער,
אַנטפּלעקט ער זיך שנעל
און פון סוד ווערט א תל...

שנעל קריגט ער פליגלען,
עס פאַרשווינדן די זיגלען ;
ער שפּאַצירט אַרום פריי,
און דינט יעדן געטריי...

אַ בינטל בריוו

אין אַ שופלאַד גאַנץ פאַרלעגן,
אין אַ ווינקל דאָרטן טיף,
לאַנגע יאָרן איז געלעגן
דאָרט אַ בינטל ליבע־בריוו.

אַלע זיינען פעסט געבונדן
מיט בענדלעך פון קאָלירן;
מיט סודות זיינען זיי פאַרבונדן —
סודות פאַר פאַרמאַכטע טירן.

יעדער בינטל איז אַ לעבן,
יעדער בינטל — אַ גאַנץ בוך;
וואָס וואָלט מען נישט געגעבן
צו זיין צוריק אין זעלבן שוך...

עס בענקט זיך נאָך יענע צייטן,
עס בענקט זיך נאָך די טעג צוריק,
ווען דאָס בריוול האָט פון ווייטן
געבראַכט אַ שטראַל פון העכסטן גליק.

געבליבן זיינען נאָר זכרונות,
זכרונות זיסע אָן אַ צאָל;
פאַרשוואונדן זיינען די חלומות —
חלומות שיינע פון אַמאָל...

מיט בענקשאַפט און מיט ליבע
לייגט מען די בריוו צוריק אריין,
און די געדאַנקען איצט, די טריבע,
פאַרטרייבט אַ שטראַל פון זונען־שיין...

רויזן

אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר פֿאַר די שיינע רויזן,
זיי האָבן מיר פֿרייד אַ סך געבראַכט ;
באַרוישט בין איך פֿון געדאַנק דעם בלויזן,
אַז דו האָסט, דו האָסט פֿון מיר געטראַכט.

די רויזן זיינען פּרעכטיק־שיינע,
זייער דופֿט פֿאַר׳שיכור׳ט האָט מיך גאַנץ ;
מיט גרינע בלעטער באַפּוצט איז יעדע איינע —
זיי בעטן זיך ווי גיין צום טאַנץ...

מיט מיינע בליקן טו איך זיי באַרירן,
און מיין בליק באַצויבערט איז פֿון זיי ;
ווי פֿאַרשידן זיינען די קאָלירן :
איינע — רויט, די אַנדערע ווייס ווי שניי.

אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר פֿאַר די שיינע רויזן,
זיי האָבן מיר פֿרייד אַ סך געבראַכט ;
אין מיין האַרצן ימ׳ען דאַנקען ברויזן,
ווייל דו האָסט, דו האָסט פֿון מיר געטראַכט.

מען זוכט אַ פריינט

נעמט אייך אַריין אין זינען,
געדענקט שטענדיק מיין שפּרוך:
אַ פריינט קען מען געפינען
בלויז אין ווערטערבוך.

פריינט פאַראַן זעלטן,
אַ יקר־המציאות — היינט;
אויספאָרן קען מען וועלטן,
און נישט געפינען אַ פריינט.

ווען עס קומען שלעכטע צייטן,
מען זוכט מיט ליכט אַ פריינט;
שטייט ער זיך פון ווייטן,
און האַנדלט ווי אַ פיינט.

היט זיך פאַר די פריינט, די „גוטע",
שטענדיק פאַלש צו אייך;
צי אָרעם זייט איר, אָן אַ פּרוטה,
אָדער — ווי ראָטשילד רייך.

אַ פריינט אין אַ נויט
ווי פאַר הונגער אַ ברויט.

דיאָגענעס

דיאָגענעס זיצט זיך אין זיין פעסל
און ער חלומ'ט און ער טראַכט:
איך בין אַ שיינער באַלעבעסל,
דאָך פון מענטשן אויסגעלאַכט.

נאָר זיי פרעגן, ווילן וויסן,
פאַרוואָס זיץ איך אין מיין פאַס;
מיין שווייגן טוט זיי שטאַרק פאַרדריסן,
און מיר פאַרשאַפט עס גרויסן שפּאַס.

מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנט
געגאַנגען זוכן „מענטשן" איך;
געוואַנדערט איבער וואַסער־לאַנד,
אַנטוישט צוריק געקומען גיך.

פאַרדאָרבן איז די גאַנצע וועלט,
פאַלש איז יעדער מענטש צום צווייטן;
אין סכנה מענטשהייט איינגעשטעלט,
געבונדן אין שנאה־קנאה קייטן.

איך בין זיך ממש דאָ מחיה,
ווייט פון מענטשן צו זיין;
וואו מיין נשמה ווערט אַ נייע
ביים שטראַל פון זון־לבנה שיין.

קיינער זאָגט דאָ נישט קיין דעה,
ס'הערשט אויך נישט קיין ברודער־האַס;
פאַרשוואונדן איז צורת־מטבע
אין מיין געבענטשטן קליינעם פאַס.

די האָר

געבראַכט האָט אים היינטיקס יאָר
אַ געוואַלטיקע הכנסה:
אַ מיטל ווי צו וואַקסן האָר —
זיין איצטיקע פּרנסה.

דער מיטל איז אַ נייער,
דערפונדן ערשט דאָס יאָר
דער פּרייז איז גאָר נישט טייער
צו קריגן לאַנגע האָר.

האָט דעמאָנסטרירט ער טעגלעך
אַ פרוי מיט לאַנגע צעפּ;
געוויזן ווי ס'איז מעגלעך
פיל האָר אויף גאָלע קעפּ...

דער עולם — אַ פאַרנאַרטער —
געגלויבט אים יעדעס וואָרט;
האָט געלט אַ סך, געשאַרט ער,
און טאַקע אויפן אָרט.

געוואַקסן זיין פאַרמעגן
אין משך פון דעם יאָר;
דאָס מוז מען מענטשן פרעגן:
צי וואַקסט זיי אויך די האָר?

געוואָרן איז ער גיך
אַ גרויסער מיליאָנער;
אויף זיין קאָפּ דער פליך —
געוואַקסן איז וואָס מער.

די תפילה

עפנט די הימלען,
לאָזט אַדורך אַ תפילה,
אַ תפילה וואָס גייט צו גאָט;
אַ תפילה אַ גרויסע,
אַ תפילה אַ הייסע,
אַ תפילה וואָס דאַרף גאָטס גענאָד.

פון טרערן באַגאָסן,
מיט צער איינגעהילט,
די תפילה איז זייער גרויס;
נישט פון קיין סידור,
נישט פון קיין מחזור,
נאָר פון האַרצן קומט זי אַרויס.

פון האַרצן די תפילה,
צעבראָכן פון שמערצן,
פון האַרצן וואָס האַלט זיך ביים שפּאַלטן;
זי זוכט אַלע מיטלען
דעם מוט נישט פאַרלירן —
דאָס האַרץ נאָך צוזאַמען צו האַלטן.

זי בעט רחמים,
וויינט מיט ביטערע טרערן,
די תפילה קען רירן אַ שטיין;
זי וואַנדערט אין הימלען
און זוכט אויף אַלע וועגן,
אַ וועג וואָס פירט צו גאָט אַליין.

זי זוכט און זי זוכט
און געפינט שוין אַ וועג,
דעם בורא צו זען און אים בעטן;
זי וויינט און זי קלאָגט,
תחנונים זי בעט,
דאָס האַרץ פונעם מענטשן צו רעטן.

אַט זעט מען די תפילה
מיט פרייד צוריק קומען,
איר פּנים שיינט שוין און לאַכט;
זי האָט וואָרעם געדאַוונט
האַרציק געבעטן —
אַ ישועה האָט זי מיטגעבראַכט.

דער דענטיסט

דער דענטיסט אַן אַ שטאָך מלאכה,
קוקט אוים נאָך אַ פּאַציענט;
אוועק פון אים איז מזל-ברכה —
נישטאָ צו צאָלן קיין רענט.

ער שטייט ביים פענצטער ווי אַ וועכטער,
ער ציילט די רגע׳ס, די שטונדן;
פאַרוואָס איז זיין מזל אַזאַ שלעכטער —
פאַרוואָס קומען נישט די קונדן?

מיט אַמאָל הערט ער אַ קלונג,
אַ פאַר׳סמ׳טער לויפט ער צו דער טיר;
ווי אַ קאַץ גיט ער אַ שפּרונג,
און ווי אַ הונט וואָס גיט אַ שפּיר.

שטייט פאַר אים אַן אַלטער מאַן,
און אין האַנט — אַ פּעקל;
דער דענטיסט גיט שנעל צו אים אַ שפּאַן,
„פּליז, טוט אוים דאָס רעקל...״

און זיין מח גיט אַ קלער,
זאָל כאָטש זיין דער פּאַציענט;
זאָל שוין זיין אַבי-וועד —
אַבי נישט בלייבן אָן אַ סענט.

„דר. לעבן, איר האָט אַ טעות —
זאָגט דער אַלטער צו אים שטיל,
געקומען בין איך נאָך אַ ביסל מעות
פאַר אייער גאַז-עלעקטריק ביל...״

די שותפים

דער מח און די פעדער
זיינען צוויי זאַכן
אַ שרייבער מוז באַזיצן
אַ לעבן צו מאַכן.

די פעדער אָן דעם מח,
דער מח אָן די פעדער,
פאַרגלײַכן קענען ווערן
צו אַ וואָגן אָן רעדער.

דער מח — צו טראַכטן,
די פעדער — צו שרייבן,
איז די צויבער־קראַפט
וואָס טוט זיי ביידן טרייבן.

— און ביידע צוזאַמען
— דער מח און די פעדער
געקניפּט און געבונדן,
ווייל וויכטיק איז יעדער.

יונגע יאָרן

יונגע יאָרן, וואו זיינט איר געבליבן?
אָ, יונגע יאָרן, ווער האָט אייך פאַרטריבן?
יונגע יאָרן, איך בענק שטאַרק נאָך זיי —
ווען ווייס מיין קאָפּ איז שוין ווי שניי.

יונגע יאָרן זיינען שנעל פאַראיבער,
יונגע יאָרן קלינגען שיין ווי לידער;
איך וויין, איך וויין און לאָז אַ הייסע טרער —
יונגע יאָרן קומען שוין נישט מער.

וואו נעמט מען יענע שיינע ציימן?
ווי קען מען זיי צוריק אויסבייטן?
ווי קען מען כאַפּן זיי צוריק —
ס׳וואָלט געווען דאָס העכסטע הימליש גליק.

יונגע יאָרן זיינען שטענדיק ליכטיק,
און דאָס לעבן שיינט פאַר יעדן וויכטיק;
יונגע יאָרן זיינען תמיד שיין,
ווען דער חלום הארציק איז און ריין.

דער אמת און דער ליגן

דער אמת און דער ליגן
אַ וויכוח ביידע פירן;
אַ וויכוח אַ גרויסן
ביי פאַרמאַכטע טירן:

„דו ביסט אויסגעשפּילט —
צום אמת זאָגט דער ליגן;
דיך האָב איך באַזיגט,
באַזיגט און איבערשטיגן.

„דער אמת איז פאַרשוואונדן,
באַווייזט זיך זעלטן ווידער;
דעם אמת צו געפינען
קען מען נאָר אין סידור.

„איך בין דער העלד פון טאָג —
זאָגט ווייטער שטאָלץ דער ליגן;
דער אמת האָט פאַרלאָרן,
און דער ליגן טוט זיגן."

מיט אמאָל, ווי פון אַ שלאָף,
דער אמת האָט אויפגעוואַכט;
באַגריפן באַלד דעם ליגנס בלאָף
און שטאַרק דערביי געלאַכט.

„דו בלאָפסט — שרייט ער צום ליגן —
אַן אויפגערעגטער, אַ בלאַסער;
דער אמת טוט שטענדיק זיגן,
ווי בוימל אויפן וואַסער."

די פידל

אויף אַ בוידעם אין אַ ווינקל,
צווישן שמאַטעס טיף פאַרלעגן,
אַ שאָטן פון אַ פידל
איינזאַם, עלנט איז געלעגן.

אוועק דער בלאַסק, אוועק דער גלאַנץ,
אירע סטרונעס האַלב צעריסן;
און דער קערפּער פון דער פידל —
פון מייז אַ טייל צעביסן.

עלנט ליגט זי און זי קרעכצט,
אירע סטרונעס וויינען, קלאָגן;
שלאָפן, שטומען אירע טענער,
נאָר זיי טענה׳ן און זיי זאָגן:

וואו זיינען די שיינע צייטן,
ווען די פידל האָט געגלאַנצט;
און די פאַרלעך פון וויטן
פריילעך האָבן זיי געטאַנצט?

געטאַנצט די פינגער אויף די סטרונעס,
מיטגעטאַנצט האָט אויך די פידל;
און אַ שטימע פון דערווייטנס
באַגלייט האָט דאָס ציגיינער-לידל.

אוועק, אוועק די שיינע יאָרן,
אוועק מוזיק, אוועק געזאַנג;
נאָר עס טאַנצן די זכרונות —
זכרונות פון דעם גאָלדן קלאַנג.

דאָס קראַנקע קינד

איבער קינדס בעטל, טיף געבויגן,
מיט פאַרוויינטע, רויטע אויגן,
טאַטע־מאַמע מיט אייפער וואַכט
אַ קראַנק קינד אַ גאַנצע נאַכט.
אפשר טוט אים עפּעס וויי,
אפשר גיט ער אַ געשריי;
אפשר גיט ער גאָר אַ הוסט,
אפשר טוט אים וויי די ברוסט.
אפשר וויל ער גאָר אַ טרונק,
אפשר טריקנט אים די צונג;
אפשר האָט ער הויכע פּיבער
ביז דער קריזיס גייט פאַריבער.
און די נאַכט, זי ציט זיך לאַנג,
דאָס קינד איז שווער־שווער קראַנק;
אַ שטילע תפילה ביידע זאָגן —
און אין דרויסן הייבט אָן טאָגן.
און זיי האָפן אַז דער מאָרגן
וועט באַפרייען זיי פון זאָרגן;
די געפאַר וועט זיין פאַרביי,
און דאָס קינד וועט אָטעמען פריי.
זיין געזונט און ווידער לאַכן
און זיי ביידן גליקלעך מאַכן.

דער פאַלשער פריינט

פאַלש זיינע ווערטער, פאַלש זיינע רייד,
פאַלש זיין צער, פאַלש זיין פרייד.
פאַלש זיין זאָרגן, פאַלש זיין קלערן,
פאַלש זיין בענטשן, פאַלש זיין שווערן.
פאַלש זיין ליבע, פאַלש זיין האַס,
פאַלש זיין גוטסקייט, פאַלש זיין כעס;
פאַלש זיין צוזאָג, פאַלש זיין געווויסן,
פאַלש זיין פריינטשאַפט, פאַלש זיין באַגריסן.
פאַלש זיין וויינען, פאַלש זיין לאַכן,
פאַלש זיין שיצן, פאַלש זיין וואַכן.
פאַלש זיין קומען, פאַלש זיין גיין,
פאַלש זיין טריישאַפט, פאַלש זיין מיין.
פאַלש זיין חניפות, פאַלש זיין עקשנות,
פאַלש זיין צדקות, פאַלש זיין רחמנות.

היט זיך שטאַרק פאַר פאַלשע פריינט —
ערגער זיינען זיי פון פיינט!

צייטן

דער מענטש האָט אין זיין לעבן
גוטע צייטן, שלעכטע צייטן;
וואָס וואָלט ער נישט געגעבן,
ווען ער קען זיי שטענדיק בייטן.

צייטן קומען, צייטן גייען,
צייטן קערן נישט צוריק;
דער מענטש מוז פאַרשטיין,
האלטן פעסט דאָס ביסל גליק.

צייטן גוטע — אַ ברכה,
צייטן גוטע ברענגען פרייד;
הערשן גליק, הצלחה,
געזאַנג, מוזיק און זיסע רייד.

צייטן גוטע מוז מען היטן,
זיך קלאַמערן אָן זיי פעסט;
אָפט פאַרלאָזן זיי אין מיטן —
פאַרשווינדן שנעל, ווי פרעמדע געסט.

צייטן שלעכטע קען מען נישט פאַריאָגן,
זיי קומען אומגעבעטן;
זיפצן, וויינען, קרעכצן, קלאָגן,
לאָזן זיך נישט גט׳ן.

און געדולדיק האָפן, וואַרטן,
ביז צייטן שלעכטע שוועבן פאַרביי;
און פון שיקזאַל בייזן, האַרטן,
דער מענטש אָטעמט ווידער פריי.

שיקזאַל

שיקזאַל קען מען נישט אַנטרינען,
ער טוט אַלעמען געפינען.

שיקזאַל איז אַ מזל-זאַך,
ווער אַ טרער, ווער אַ לאַך.

שיקזאַל קען מען נישט פאַריאָגן,
יעדער מוז זיין שיקזאַל טראָגן.

שיקזאַל מוז גענומען ווערן
אָן שום חכמות, אָן שום קלערן.

שיקזאַל איז דעם מענטש געגעבן
אַלס באַגלייטער אין זיין לעבן.

ווערטער

דברים היוצאים מן הלב
נכנסים אל הלב

(מאמר העם)

ווערטער זיינען ווי בלומען,
ווי בלומען־דופט זיי קומען.
בלומען בליען, ווערטער ריידן,
די בלומען־שפּראַך איז אַ גן־עדן.

ווערטער שיינע, קלוגע, מילדע,
ווערטער פּרעכע, גראָבע, ווילדע.
ווערטער זיסע, וואַרעמע, גערעכטע,
ווערטער שטרענגע, פאַלשע, שלעכטע.

ווערטער — קלאַנגען מוזיק,
ווערטער — פרייד און גליק.
ווערטער — קאַלטע רייד,
ווערטער — פּיין און לייד.

ווערטער — שאַרף ווי מעסער,
ווערטער — מענטשן־פרעסער.
ווערטער — גיפט און סם,
ווערטער — פול מיט טעם.

ווערטער — אַ דאָרן,
ווערטער — האַס און צאָרן,
ווערטער — פלאַם און פייער,
ווערטער — ליב און טייער.

ווערטער מוז מען שטענדיק וועגן,
ווערטער האָבן אַ סך ברעגן,
ווערטער בייזע — צו דערשטיקן,
ווערטער גוטע — צו דערקוויקן.

ווערטער... לאָזט קומען — געפלאָכטן מיט בלומען...

אינהאַלט

וואו ביסטו? 7

אויגן

אויגן 11

חיות שמועסן

דער הינער־פּראָטעסט 15
ציוויליזאַציע... 17
דער אייביקער שונא 19
די פליג 20
דער הונט 23
די פלעדערמויז 25
דאָס פערדל 26
דער האָן 28
די קליאַטשע 30
די קאַקאַרוטש 32
דער אייזל 34
די ציג און די באָרד 36
דער הערינג 38
די „מינקס" 39

סאַטירע הומאָר — ווידער אַ פּאָר

באַנגאַלאָ געסט 43
לעיק סוקסעס 45
אַ באַנקעט 47
דער לעמאָן 49
ווייבער־פּאָליטיק 50
דער בריוו 52
רכילות 53
כבוד, כבוד, כבוד 54
דער קאַרטן־קעניג 57
קאַפּע „טריאומף" 58
די צייטונג 60
דער פּריינט 61

שידוכים און ליבע

אמאָליקע צייטן 65
ער שטייט אין שידוכים 66
א גרוס פון לייקוואוד........ 68
אין די בערג 70
דער מאסקנבאל 72
די צווייטע ווייב 74
דער חתן 77
ערשטע ליבע 78
דער דאָן זשואן 80
די פאנטאזיע 81
א מיידל אין פארק 83
זי זוכט 85
דער אנטוישטער יונגערמאנטשיק........ 87
בענקשאפט 89
פאלשע חלומות 90
דער שדכן 91
האפענונג 93
די אנטוישטע ליבע........ 94
וואו זיינען ? 96

לירישע קלאַנגען

וואו איז יושר ? 99
עלנטקייט 100
דאָס ליכטל 101
רחמנות 102
א פארבלאָנדזשעטע נשמה........ 103
דער שאָטן 104
דאָס געוויסן 105
פארלאָזן 106
צו דיר מיין פריינט........ 107
די לאַסט 108
אנטוישונג 109
יסורים 110
טרערן 111
אָן א לאנד 113
וואוהין ? 114
מעמוארן פון א טרער 115
פארצווייפלונג 117
דער קאמף 118

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

ארץ־ישראל

זיי שווערן צו ישראל........................ 123
חנוכה־ליכטלעך 124
דאָס לאַנד פון מיין חלום........................ 125
יציאת תימן 127

בילדער

דער למדן 131
דער שוסטער 132
דער פּאָעט 134
דער שיכור 136
דער בלינדער 137
די קראַנקען־שוועסטער 139
דער ווײַן 140
דער „פּרעשור־קוקער" 141
געפילטע פיש 142
דער פאַמיליען־אַלבום 143
די קאַטערינקע 145
דער שפּיגל 146
די קרעטשמע 147
אַ גרוס פון די בערג 148
פרימאָרגן אויף אַ פאַרם 149
דער אָפּשייד ביים שיף 150
דאָס שיפל 151
זומער אין שטאָט 152
בלעטער פאַלן 153
אויפן גליטש 154
די נאַכט 155
אַ חלום 156
די תחינה־זאָגערין 157
ראש חודש בענטשן 158
„גוטע קינדער" 159
אַן ענאַאיסט 160
באַלאָנען 161
דער צייטונגס־טרעגער 162
דער ים 163
די הויף־שפּילער 164
גרויסע אויגן 165
דער הוריקאַן 167

דער טרעגער	170
דער מענטשן־פריינט	171
אַ שטורעם ביים ברעג ים	172
דער שטורעם	173
דער „העדוויימער"	175

אַ געזאַנג פון קאָלירן

„קאַנאַסטאַ"	179
דער קאַרטן־שפּילער	180
דער גרויער האָר	181
דער נודניק	182
דער סוד	183
אַ בינטל בריוו	184
רויזן	185
מען זוכט אַ פריינט	186
דיאַגנאָזעס	187
די האָר	188
די תפילה	189
דער דענטיסט	191
די שותפים	192
יונגע יאָרן	193
דער אמת און דער ליגן	194
די פידל	195
דאָס קראַנקע קינד	196
דער פאַלשער פריינט	197
צייטן	198
שיקזאַל	199
ווערטער	200